STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00412

YIDISHE POETN

Permanent preservation of this book was made possible by
The Rabison Family Foundation
in memory of Jean Jaffe who wrote for the Jewish press & his father Samuel Rabinowitz who read selections of the Jewish press to me during my growing up years

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע פּאָעטן

האַנטבוך פון
אידישער דיכטונג

(ערשטער טייל)

צווייטע אויפלאגע

צוזאַמענגעשטעלט

(מיט אַן אַריינפיר, אָפּשטיטשונגען, באַמערקונגען און ביאָגראַפיש־
קריטישע נאָטיצן)

פון

י. ענטין

ארויסגעגעבן פון
צענטראַלן קאָמיטעט פון די יידישע פאָלקשולן
אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע

ניו־יאָרק, 1947

Copyright 1947 by the Central Committee of the Jewish Folk-Schools of the Jewish National Workers Alliance and Poalei Zion in the United States and Canada

Printed in the U. S. A.

דאָס רעכט צו איבערדרוקן געהערט צום צענטראַל קאָמיטעט פון די יידישע פאָלק שולן, פון יידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער פארבאנד און פועלי־ציון, אין די פאראייניקטע שטאַטן און קאנאדע.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש:

אריינפיר 11
אַ וואָרט צום לערער 23

I.

פאָלקס־לידער:

משיח 29
ארץ ישראל 29
וויג־ליד 30
דער העזעלע 32
דער יתום 33
די יונגע יאָרן 33
פאַרלאָרענע ליבע 34
די גנבה 35

II.

פאָלקס־דיכטער:

דר. שלמה עטטינגער:

צום נייעם יאָר 42
אַ קינד ווערט געבוירן (פון דער פּאָעמע „דאָס ליכט") 43

אַברהם בער גאָטלאָבער:

איש חסיד 49

בעריל בראָדער:
א ליד פון איין שמש 57

וועלוועל זבאַרזשער (וואָלף עהרענקראַנץ):
דער עלנדער זוכט די רו 66
די וועלט 67

שלום בערנשטיין:
די בייקע אָדער די פאַלשע האפענונג 71
די געטרייע פריינט 74

מיכל גאָרדאָן:
די שטיפמוטער 79
דער גט 82
מיין לעבנס־צייט 84

יהודה לייב גאָרדאָן:
זמר לשמחת תורה 88

אליקום צונזער:
דאָס ליד פון ר׳ תחנון 96
די פאַרשיידענע וועלט 101

אַברהם גאָלדפאַדען:
א תפלה 108
שבת, יום טוב און ראש חודש 109
מיין הייליקעס לאַנד 110
רבקה׳ס טויט 111
דריי מאָל אידישקייט 112

מ. מ. וואַרשאַווסקי:
שרה און רבקה 118
אויף איר קבר 119

פלטיאל זאַמאָשטשין:
דער שטיין און די כוואַליעס 123

III.

טעאַטערדיק־דעקלאַמאַטאָרישעס :

אַברהם גאָלדפאַדען :
פלאַקער, פייערל, פלאַקער 131
פאַריאַמערט, פאַרקלאַגט 132

יעקב גאָרדין :
אַל תירא עבדי יעקב 138

שלמה שמולעוויטש :
א בריוועלע דער מאַמען 141

ש. אַנ—סקי :
פראַדעס ליד צו לאה׳ן (פון „דבוק״) 148

אַברהם גאָלדפאַדען :
קאָמיש ליד פון האַצמאַך „דער רוח זאָל מיך נעמען״ 149
קאָמיש ליד פון פאַפוס דעם אינטריגאַנט 150

יעקב גאָרדין :
שמאַי׳ס ליד 151

ה. ד. נאָמבערג :
אוי וויי און כאַ־כאַ־כאַ, אוי־וויי 158

מיכל קאַפלאַן :
ביים אַפּשייד 164
א זיסער חלום 166

IV.

די לִיריקער :

מ. ליעוו :
מירעלע 171

י. ל. פּרץ:

אין דער שטילער נאַכט 176
צווישן בלומען 176
טרויער 177
דאָס יאָר 178
פאָלקס־מאָטיוו 181
דריי נייטאָרנס 182
מאָניש 184

ש. פרוג:

מיין ליד 200
אַ זומער־ליד 201
אַ זומער־נאַכט 202
חברים 208
זאַמד און שטערן 209
דאָס אידישע קינד 210
שבועות 212
פון יענע טעג 212
היים און קאַלט 214

דוד פרישמאַן:

די נאַכט איז שטיל 221
די פישער 223
פאַר משיח'ן 224

משה ברכהן:

האַרבסט 231
דריי מוידן 232

זעלדע קניזשניק:

אונטער שלאָס 235

יהודית:

ברייטע הימלען, ערד אַ גרויסע 239

ה. נ. ביאַליק:

עס האָט מיך פאַרפלאָנטערט 244
כ׳וואָלט געוועזן אַ בעלן וויסן 246
גלוסט זיך מיר וויינען 247
דאָס לעצטע וואָרט 249

אברהם רייזען:

א.

פון שטעטל:

ווי קום איך? 258
אונדזער טייכל (פון דער פּאָעמע „מיין צוריקקער אַהיים") 259

ב.

פון שול און קלויז:

פּרילינג (שיר השירים) 260
דער תלמוד 261
מאי קא משמע־לן 262

ג.

די גרויסע שטאָט:

פון שטאָט 264
עס גיבן אין לעבן 264

ד.

בייַנקשאַפט און אַנגסט:

אמאַליקע טעג 265
אומעטיק 266
אַליין 267
קרעלן 267
עס דאַכט מיר 268
אַוונט 269
מיינע טעג 269
איך קוק אויף די בערג אויף די הויכע 270

ה.

נ ו י ט א ו ן פּ י י ן:

א גיבער, משיח 270
א געזינד זאַלבע אכט 271
די אָרימע כלה 272
אויף א קבר 272
גרינע 273
די עלטער 274

ו.

ד י ו ו ע ל ט ־ מ ל ח מ ה:

טראָמפּייטן שאַלן 274
זייט גרייט 275
זיינע וואונדער 276
ווי אזוי ער זעט אוים 277
א טרוים 278

ז.

ג ע ד אַ נ ק ע ן:

דער מענטש 279
ביים ראַנד 280
א וואָרט 281

ל יפה:

האַרבסט 285
כסלו 286

ה. ד. נאָמבערג:

די פאַרלאָזענע כלה (פאָלקס־מאָטיוו) 291

ב. שאַפּיר:

פאַר מיין פענצטער 295
אויפ'ן בוידעם שלאָפט דעם דאַך 296

פּאולא ר.:
קום (פּאָלקס־מאָטיוו) 299
י. י. פּראָפּוס:
עמיץ איז ביי מיר געשטאָרבן 303
שרה רייזען:
דער ערשטער פרילינג־טאָג 307

אריינפיר

א.

דאס בוך „אידישע פאעטן“ (דערווייל נאר די ערשטע צוויי טייל), וועלכן איך האב צוזאמענגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פון דער פאלקשול ארגאניזאציע פון אידיש־נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד און פועלי ציון, איז ניט קיין אנטאלאגיע, נאר א האנט־בוך, א לערן־בוך, קודם כל פאר די העכסטע קלאסן פון דער אידישער שול און פאר דער אידישער מיטל־שול. די נויטיקייט פון אזא בוך איז גוט באוואוסט אונדזערע שול־לערער. אונדזער אמעריקאנער אידישע שול האט פאר זיך נאך ניט קיין בריק צווישן דער כרעסטאמאטיע (ריכטיקער, לייען־ביכל) און אונדזער פאעטישער ליטעראטור (עם פעלט איר נאך אויך א בריק צו די פראזע־שריפטן, אבער דאס איז א באזונדער ענין). די איינציקע צוויי ביכלאך פון דעם מין וואס זיינען ביי אונדז פאראן (א ש. פרוג־ביכל און א ביכל פון פרץ׳ס פאעזיע, געמישט מיט זיין פראזע, ביידע פון יעקב לעווין) קענען נאטירלאך ניט אויספילן דעם חסרון. איז אונדזער יונגער שילער געצוואונגען פון דער כרעסטאמאטיע גלייך אריינצושפרינגען אין די בענדער פון אונדזערע פאעטן, וואס ארויסגעבנדיק זיי האט מען ניט אין זינען געהאט דעם סטודענט אדער די יוגנט בכלל נאר דעם סתם־לעזער. אז פון אזא שפרונג קען מען אמאל פעדאגאגיש און ליטעראריש ברעכן רוק און לענד, דארף קלאר זיין פאר יעדן ערנסטן לערער. שוין ניט ריידנדיק דערפון וואס ניט אלע, אפילו אונדזערע וויכטיקסטע דיכטער, קען מען אזוי לייכט קריגן (א. ליעסין, למשל, איז נאך עד היום ניטא אין בוך־פארם). אט אזא בריק צו שאפן — דאס איז דאס הויפט ציל פון איצטיקן בוך.

דער פאקט וואס דאס בוך איז קודם־כל א לערן־בוך, דערקלערט שוין ממילא, ערשטנס, וואס עס קומט דא גאר ניט

אריין פון דער היסטאָריש־רעליגיעזער אידישער פּאָעזיע און, צווייטנס, וואָס עס קומען ניט אריין אַלע אונדזערע פּאָעטן און פּאָעטעסעס אפילו פון די נייע ציישן. די היסטאָריש־רעליגיעזע אידישע פּאָעזיע איז פאַר ספּעציאַליסטן אָבער ניט פאַר יונגע סטודענטן (אין אונדזער פאַל וואָלט זי נאָך פאַר זיי געווען ממש אומפאַרשטענדלאָך); דער חוב אריינצונעמען אַלעמען אָדער כמעט אַלעמען קען נאָר חל זיין אויף אַזעלכע ווערק וואָס פּרע־טענדירן צו זיין די אוצרות, די מוזייען פון פאָלק׳ס שאַפן.

אויב ס׳איז יע פאַראַן עפּעס אויסצוזעצן קעגן בוך בנוגע זיין פאָרמאַט, קען עס גיכער זיין ניט אין דער ריכטונג פון האָבן אריינגענומען צו ווייניק נאָר פון האָבן אריינגענומען צופיל. (און איך מיין טאַקע ניט, אַז דער לערער זאָל מיט די שילער אַלץ שטודירען). איך האָב זיך אָבער בשום אופן ניט געוואָלט באַנוגענען בלויז מיט אונדזערע מאָדערנע פּאָעטן אָן די פאָלקס־דיכטער אָדער בלויז מיט אַ פּאָר פון זיי; איך האָב זיך אויך ניט געוואָלט צופרידנשטעלן מיט בלויז די וויכטיקסטע און די וויכטיקערע פון אונדזערע מאָדערנע. אונדזערע פאָלקס־דיכטער זיינען דער הינטערגרונט פון אונדזער מאָדערנער פּאָעזיע; און זיינען אונדזערע וויכטיקסטע פּאָעטן די שפּיצן־בערג פון אונדזער מאָדערנער פּאָעזיע און די וויכטיקערע אירע משופּע׳דיקייטן, זיינען, דערפאַר, די ווייניקער וויכטיקע די פּליי־נען און טאָלן, וואָס ליגן אויסגעשפּרייט צווישן זיי. נו, באַזיצט דאָך ניט יעדער איינער דעם כח פון אַ בעש״ט צו שפּאַצירן פון שפּיץ צו שפּיץ און ניט גע׳ניזק׳ט ווערן. אָן די קלענערע דיכטער קען מען ניט האָבן קיין ריכטיקע היסטאָרישע פּערס־פּעקטיווע פון אונדזער פּאָעזיע, קיין ריכטיקן באַגריף פון איר בהדרגה׳דיקן וואוקס. איך וואָלט טאַקע געוואונטשן, אַז אחוץ אַ טעקסט־ביכל אין דער שול, זאָל דאָס ווערק אויך דינען דעם יונגען מענטשן פאַר אַן אויסקונפט־בוך אין דער היים. איך וויל אויך האָפן, אַז חוץ דער שטודירנדיקער יוגנד זאָל דאָס בוך אויך אַנדערע קענען דינען.

אין די איצטיקע ערשטע צוויי טייל, גיי איך נאָר, בדרך כלל, ביז אַן ערך דאָס יאָהר 1905. דאָך איז ניט דאָס יאָר געווען מיין

שייד־ליניע, נאר די פּאַעטישע שול. איך האָב געוואָלט אָפּטיילן די פּאַעזיע פון דער עלטערער ריכטונג פון דער יונגער אדער מאָדערניסטישער. איך מיין, אז מישן די צוויי שטראָמען אין א לערן־בוך פאר גאר יונגע סטודענטן, וועלכע רעדט נאָך אז א פּאַרבאַרייטונג, איז גאַנץ ניט ראַטזאַם. גייען דערפאַר די ערשטע צוויי טייל נאר ביז מנחם׳ן און זיין גלייכן, פון די אייראַ־פּייאישע דיכטער, און ביז אַזעלכע ווי ראַלניק און מאַני לייב צווישן די מער אַמעריקאַנישע. פאַרשטייט זיך, גאַר שטריינג דורכפירן אזא צעטיילונג איז ניט מעגלאך געווען, אי מחמת דרויסנדיקע, אי מחמת אינעווייניקסטע סבות. אָבער בדרך כלל איז דאס געווען מיין ריכט־שנור.

וואס איז שייך די ערשטע צוויי טייל, איז די סבה פון זייער אָפּזונדערונג אין צוויי בענדער א ריין טעכנישע. אין פאַרלויף פון דער טעכנישער צוגרייטונג פון בוך האָט זיך אַרויס־געוויזן, אז פאר איין באַנד איז דער צונויפגענומענער מאַטעריאַל לחלוטין צו גרויס.

ב

איך האָב ניט געוואָלט גאר אינגאַנצן אויסלאָזן די פאָלקס־לידער. אויך זיי מוזן שטודירט ווערן אַלס פּאַעזיע. אָבער איך האָב ניט געקענט און ניט געוואָלט אריינעמען קיין סך פאָלקס־לידער. ניט געקענט — אויס טעכנישע טעמים; ניט געוואָלט, ווייל גאר א סך פון אונדזערע פאָלקס־לידער, ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין אין פיל אנדערע פּרטים, זיינען זיי אָבער ניט גענוג וויכטיק און אויך ניט גענוג אינטערעסאַנט — בפרט פאר גאר יונגע סטודענטן — אין א ריין פּאַעטישער הינזיכט. איך האָב אויך אין זינען געהאַט, וואס מיט א היבשער צאָל פאָלקס־לידער זיינען די שילער פון אונדזערע שולעס שוין באַקאַנט, סיי פון די געזאַנג־קלאַסן און סיי פון די לייען־ביכלאַך. גיב איך אריין בלויז אַכט פאָלקס־לידער. דער אויסוואַל ווערט דאָ, פון איין זייט, געמאַכט אויף׳ן גרונט פון נאַציאָנאַל־רעלי־גיעזער און פּאַעטישער וויכטיקייט, און פון זעלטנקייט, פון דער צווייטער זייט. דאס וויג־ליד „כ׳האָב דיך, מיין קינד, שלאָפן

נעלייגט", למשל, איז וויכטיק אלס פאעמע, "דער העזעלע", ווייל מיר האבן אזוי ווייניק פאלקס־לידער וועגן חיות און די לידער "דער יתום" און "די יונגע יארן" (ביידע פון פראפעסאר ווינער׳ס בוך איבער דער אידישער ליטעראטור און משמעות פון זיין אייגענער זאמלונג), אי ווייל זיי זיינען אזוי ווערטפול אין זיך אליין, אי ווייל זיי זיינען ביי אונדז אזוי ווייניק פארשפרייט. "די גנבה" קומט דא אריין אלס ביישפיל פון דעם הומאר און שפאס אין פיל פון אונדזערע פאלקס־לידער.

ג.

אונדזערע פאלקס־דיכטער — פון דר. שלמה עטטינגער ביז ש. פרוג — זיינען אין בוך גוט פארטראטן, א זאך וואס פרייט מיך זייער. ראשית, זיינען זיי דער אנהויב, דער פונדאמענט פון אונדזער וועלטלאכער פאעזיע; והשנית, זיינען זיי אין זיך אליין פון א גאר הויכן ווערט; דריטנס, איז זייער שטייגער נאך אפילו היינט צו טאג ניט אין גאנצן טויט. עס לעבט נאך זייער גייסט אין אונדזער מאדערנער פאעזיע.

אין אונדזערע קרייזן קען מען נאך אמאל הערן די ווערטער ברחן און בדחנות בנוגע פיל אדער אייניקע פון אונדזערע פאלקס־דיכטער. אין דעם ליגט א גראבע נאכלעסיקייט. דיראזיקע באצייכענונגען אנצואווענדן אויף אונדזערע פאלקס־דיכטער און זייערע שאפונגען איז אומגערעכט און פאלש.

אונדזערע פאלקס־דיכטער זיינען, ווי הימל פון ערד, ווייט פון זיין "פריילאך־מאכער" אדער סתם גראמען־פלעכטער. זיי זיינען פאעטן־מאראליסטן פון העכסטן גראד. זיי זיינען א מין מגידים אין פערזן און גראמען, מגידים פאר׳ן פשוט׳ערן עולם, דרשנים־כראניקער פון אידישן לעבן. זיי היטן אפ די אלטע אידישע טראדיציע פון מאראליזירן דאס לעבן אין גייסט און אין די ראמען פון דער תורה און דער אידישער מאראל־פילאזאפיע. און עס האט זיי קוים אפגעטיילט פון די מגידים, סיי דאס, וואס זיי זיינען אין די מייסטע (ווייט ניט אין אלע) פאלן מיטגעגאנגען מיט דער השכלה און סיי זייער מעלאדיע. איז דאך די השכלה אויך אריינגעדרונגען צווישן די מגידים און

האבן דאך די מגידים אויך געזאגט מיט א נגון. בלויז אין איין הינזיכט, אחוץ די פערזן און די גראמען, האבן זיי זיך אפ־געשיידט פון די מגידים: זייענדיק דיקטירט פון זייער באזונ־דערן עולם האבן זיי ווייניקער תורה און גאר ווייניק דרוש געזאגט.

די באזונדערע כאראקטעריסטיקעס פון אונדזערע פאלקס־דיכטער זיינען:

זיי זיינען מאראליזירער. אין איינקלאנג מיט'ן אלטן אידישן גייסט אינטערעסירט זיי ניט די נאטור, דאס לעבן, די וועלט אין זיך אליין; זיי אינטערעסירן זיי כמעט אויסשליסלאך נאר פון שטאנדפונקט: וואס איז דער אינעווייניקסטער זין, דער תוך דערפון? וואס לאזט עס מיך צו הערן? וועלכן מוסר השכל קען מען דערפון אראפנעמען?

זיי זיינען קינדער פון פאלק, דורכגעקנאטן און אויסגעבונדן מיט דער מאסע. דאריבער זיינען זיי דורכאוים הארציקייט, דורכאוים איינפאכקייט, דורך און דורך ווארימע פאלקסטימ־לאכקייט.

זיי זיינען ניט קיין איך־מענטשן נאר כלל־מענטשן. דער איך־באוואוסטזיין פון דעם מאדערנעם מענטשן, פון מא־דערנעם אידישן פאעט פעלט זיי. דאריבער פעלט זיי כמעט אינ־גאנצן דער חוש פון ליריזם. קוים־קוים וואס עפעס לירישעס הויבט אן ארויסשפראצן ביי אייניקע פון זיי, אי דאס אין נאר זעלטענע פאלן, אי דאס איז זייער ליריזם ניט קיין זאך פון געפיל נאר פון געדאנק. די גרויסע מאסע פאלקס־פאעזיע באשטייט אדער פון סתם באטראכטונגען (אזעלכע ווי עטטינגער'ס „דאס ליכט" און צונזער'ס „דער סנדק") — וואס זיינען דאס נאענטסטע צום מגיד'ס דרשה — אדער פון „דראמאטישע מאנאלאגן" (די דיכ־טער שטעלן ארויס געוויסע טיפן פון דער אידישער גאס, מייסטנס טיפן געקריוודעטע, אט ווי בערל בראדער'ס „שמש", און לאזן זיי אויס'טענה'ן זיך) אדער פון באלאדעס (פיל פון מ. מ. ווארשאווסקי'ס זאכן, למשל.)

דער נגון איז ביים פאלקס־דיכטער אן אומצעשיידבארער עלעמנט פון זיין פארטראג, פונקט ווי ביים מגיד, און ער ווערט

טאקע געשאפן כמעט גלייכצייטיק מיט'ן טעקסט. און ס'איז טאקע ניטא קיין איינער פון די פאלקס־דיכטער, (מיט דער אויסנאם פון אזעלכע מענטשן ווי דר. עטטינגער און יהודה לייב גארדאן, וואס זייער אנגעהעריקייט צו די פאלקס־דיכטער איז בכלל מוטל בספק), וואס האט זיינע זאכן ניט געזונגען.

דער טיפער, אינערלאכער דראנג פון דער פאלקס־דיכטונג איז ניט דערשטיקט געווארן פון דער השכלה, כאטש אין פלוג איז צווישען זיי דא אזא טיפע געגנערשאפט. די פאלקס־דיכטער זיינען, אמת, מיטגעריסן געווארן פון דעם נייעם, שטארקן שטראם, אבער זיי האבן אים צום טייל אנגעווענדעט פאר זייערע צוועקן, מאדערניזירנדיק זייער דיכטונג, בשעת צום טייל זיינען ביי זיי ביידע געפלאסן ניט אויסגעמישטערהייט ווי צוויי פאראַלעלע טייכן, ווי מיר קענען עס אם בעסטן זען ביי צונזער'ן.

דער טיפער דראנג פון דער פאלקס־דיכטונג, וואס איר תוך איז די אלטע אידישע מאראליזאציע, לעבט נאך אויך אין אונדזערע צייטן, ווי עס ווייזט אונדז דער מערקווירדיקער פאל פון דעם קיעווער אדוואקאט מ. מ. ווארשאווסקי („חד גדיא", „צו כלה באדעקנס"). ער לעבט אויך אין אונדזערע מאדערנע פאעטן; אויב ניט צו אפן, גנב'עט ער זיך אבער ביי זיי פון כאל צו מאל ארויס ווי אן אונטערדרערדיקער שטראם. (פרץ'ס „מיין נישט, די וועלט איז א קרעטשמע", פרוג'ס „היים און קאלט", אברהם רייזען'ס „מאי־קא משמע־לן").

ד.

איינג אן דער פאלקס־דיכטונג שליסן זיך אן די טעאטער־לידער און אין א היבשער שייכות צו די טעאטער־לידער שטייען אונדזערע דעקלאמאציאנס־לידער — און וועגן די ביידע און דאס מאכן פון זיי א רובריק אין איצטיקן בוך, זאל דא געזאגט ווערן עטלאכע ווערטער.

מען קען ניט איגנארירן לעבעדיקע פאקטן. פונקט ווי מען קען ניט לייקענען, אז דער קינאמאטאגראף איז א זשאנר פון טעאטער, אזוי קען מען ניט אפלייקענען, אז די גאס־באלאדע אדער דאס טעאטער־ליד געהערן אויך צו דער משפחה

פון פּאָעזיע. טעאַטער־לידער ווערן ביי אונדז געזונגען, זיי רופן אַרויס טרויער און געלעכטער און זיי זיינען געוואַלטיק פּאָפּולער. און אין זייער שאַפונג האָבן זיך באַטייליקט אייניקע פון אונדזע־רע בעסטע: גאָלדפאַדען (וועלכער האָט, ווי עס ווייזט אויס, אייניקע פון זיינע לידער, פון זיין פאַר־טעאַטער פּעריאָדע, אַריינגעגעבן אין זיינע פּיעסן), מאָררים ראָזענפעלד, שאָרקאַנסקי. אחוץ דעם איז ביי די אומות העולם שוין לאַנג דאָ אַזוינס ווי דער לופּלעט און דער קופּלעטיסט, וועלכע ווערן ביי זיי ניט אָפּגעטיילט פון דער פּאָעזיע און די פּאָעטן מיט קיין תחום שבת. וואָס איז שייך אונדז אידן, האָבן מיר כאָטש איין ביישפּיל, ה. ד. נאָמבערג׳ס „קופּלעטן" „אוי ווי און כאַ־כאַ־כאַ, אוי וויי", וואָס גלייכצייטיק מיט זייער פּאָעטישקייט האָבן זיי אויך אַ גאַנץ קענטיקן כּעאַנ׳ר־טאָן.

איז דער שפּיץ דערפון, אַז מען מוז ענדלאַך די טעאַטער־לידער לעגיטימירן. מען מוז זיי אויך רופן אויף חתונה, זאָל זיין צום אָרימן מאַלצייט. פאַרקלאַפּן פאַר זיי די טיר איז אָבער קיין יושר ניט.

היסטאָריש זיינען די טעאַטער־לידער געקומען ווייט, ווייט. נאָך איידער די פּלוט פון דער פאָלקס־דיכטונג איז אָפּגעלאָפן. זיי זיינען אויך אַרויסגעוואַקסן פון דער זעלביקער סביבה. זיי האָבן, אין אָנפאַנג לכל הפּחות, געהאַט אַן אינטימע שייכות צו דער פאָלקס־דיכטונג. ניט נאָר זיינען די ערנסטע לידער געווען ערנסט, נאָר אפילו אויך די קאָמישע קופּלעטן האָבן אַנטהאַלטן עפּעס מאָראַליזירנדיקעס.

גאַנץ קלאָר דעריבער, אַז דאָס טעאַטער־ליד מוז אָוועקגע־שטעלט ווערן לעבן ליד פונ׳ם פאָלקס־דיכטער.

און האַרט לעבן טעאַטער־ליד דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן די דעקלאַמאַציע, דאָס ספּעציעלע ליד, וואָס בשעת שרייבן עס האָט פאַר׳ן דיכטער פאַרגעשוועבט די קאָנצערט־עסטראָדע.

שוין אין זייער נאַטור גופא איז דאָ אַן ענלאַכקייט. פּונקט ווי דאָס טעאַטער־ליד ווערט געשריבן צו מוזיק און באַקומט זיין פולן זין ערשט ווען געוויסע ווערטער ווערן דורך דער מוזיק באַזונדערס אַקצענטירט, פּונקט אַזוי ווערט די דעקלאַמאַציע

געשריבן מיט דעם באוואוסטן אדער אומבאוואוסטן געפיל, אז אינ׳ם פארטראג וועלן געוויסע ווערטער באזונדערס ווערן אונטערגעשטריכן; און פונקט אזוי לעבט די דעקלאמאציע. ערשט דאמאלס אינגאנצן אויף, ווען די באטרעפנדיקע ווערטער ווערן באזונדערס באטאנט און ארויסגעהויבן.

עס וואלט מיך פארפירט אין צו ווייטע דרכים, ווען איך זאל דא וועלן אנווייזן, ווי אזוי די דעקלאמאציע האט זיך ביי אונדז אנטוויקלט. גענוג דא צו דערמאנען, אז גראד ווי דאס טעאטער זינט די אכציקער יארן, אזוי איז אויך די דעקלאמאציע, קודם כל אן אמעריקאנער פראדוקט; אז זי איז אויסגעוואקסן אין ליטערארישן קאנצערט־זאל, וואס איז ביי אונדז א מין דערגענצונג צום טעאטער; אז אפט וואקסט זי ארויס טאקע פון דער זעלביקער סביבה. פיל וואס האבן אנגעהויבן אלס דעקלאמאטארס זיינען ביי אונז שפעטער אקטיארן געווארן; פיל אקטיארן זיין אויך דעקלאמאטארס; און דאס ביישפיל פון שוישפילער ה. מייזעל, וועלכער שרייבט אויך לידער און דעקלאמירט זיי, איז, דאכט מיר, אויך ניט דער איינציקער.

מחמת דעם אלעמען שטעל איך אין דער גרופע טעאטער־זאכן אויך אריין צוויי לידער פון מיכל קאפלאן. איך קלייב גראד אויס זיינע לידער, ניט נאר ווייל א צייט־לאנג פלעגט מען אים דעקלאמירן מיט גרויס ערפאלג, נאר אויך דערפאר, ווייל איך מיין, דאס פון זיינע לידער קלינגט ארויס שארפער איידער פון אנדערע דער ספעציפישער טאן פון דער דעקלאמאציע.

די גרופע „טעאטערדיק־דעקלאמאטארישעס“ איז אין איצטיקן בוך ניט גענוג גרויס. עס זיינען דא איניקע סבות דערפאר. נאר א קלײנער טייל פון די טעאטער־לידער געפינט זיך אין בוך־פארם. פון דעם טייל וואס איז פאראן, איז א סך פון גאר, גאר א קנאפן ווערט. דאס ערגסטע איז אבער, וואס זייער א גרויסער טייל פון זיי איז ניט זויבער גענוג, אז מען זאל אים קענען אריינגעבן אין א בוך פאר גאר יונגע מענטשן.

אבער איך באטראכט די איצטיקע איינפירונג פון דער גרופע „טעאטערדיק־דעקלאמאטארישעס“ דער עיקר ווי אן אנהויב

און אַן אָנרעגונג. אַבי דער אָנהויב איז געמאַכט, וועט, מיט דער צייט, די זאַך דורכגעפירט ווערן מער גרינטלאַך.

ח.

ס'איז ניט נויטיק אין איצטיקן „ארייִנפיר" זיך אָפּצושטעלן אויף „די ליריקער". די פּאָעטן פון דער גרופּע זייִנען נאַטירלאַך ניט די איינציקע ליריקער; די פּאָעטן פון דער ענגליש-אַמעריקאַנישער גרופּע זייִנען זיכער ניט קיין ערגערע אָדער קנאַפּערע ליריקער פון זיי. אָבער עס איז נויטיק געווען די ענגליש-אַמעריקאַנער פון זיי אָפּצוטיילן. און טאַקע דער אייגענער טעם מאַכט אויך נויטיק צו באַצייכענען זיי מיט אונדזער אויבערשריפט.

דאָס אָפּזונדערן די ענגליש-אַמעריקאַנער ליריקער פון די אַנדערע איז אַזוי נויטיק (שוין אָפּגעזען פון דער אומגעלומפּערטקייט, וואָס וואָלט אַרויסגעקומען פון צונויפנעמען זיי אַלעמען אין איין אָפּטיילונג) אַז מען מעג זיך דאָ דערלויבן אינגאַנצן צו איגנאָרירן די כראָנאָלאָגיע.

די גרופּע פּאָעטן פון „נייע וועלטן" (אין צווייטן באַנד) שטעלן מיט זיך פאָר עפּעס נייעס, עפּעס באַזונדערעס אין אונדזער דיכטונג. זיי זייִנען עמיגראַנטן-דיכטער. זיי האָבן געשאַפן, לכל הפחות, ווייט צום גרעסטן טייל, אויף נייע ערדן, אין ענגלאַנד אָדער אַמעריקע, ווייט פון קליינעם שטעטל, ווייט אפילו פון דער פּראָווינציעלער גרויסער שטאָט, ווייט פון דער ספּעציפיש-אידישער גאַס. דאָס זייִנען וועלט-מענטשן, איינוואוינער פון די גרעסטע שטעט, פון די גרעסטע, מאָדערנסטע לענדער. זייערע האָריזאָנטן זייִנען פאַנאַנדערגערוקט געוואָרן, סיי אין פיזישן און סיי אין גייסטיק-סאָציאַלן זין. זיי האָבן געשאַפן אין דער גרויסער, וואונדערבאַרער אַמעריקע, מיט אירע ריזיקע בערג, מאַכטיקע שטראָמען און אומענדלאַכע פליינען און פּריירים. זיי האָבן געשאַפן אין דעם גרעסטן אינדוסטריעלן צענטער, אָטעמענדיק זייִן באַזונדערע לופט, פילנדיק אין זייער פּולס זייִן ניי-וועלטיקן טעמפּ. זיי האָבן געשאַפן אונטער גאַנץ נייע סאָציאַלע באַדינגונגען, אין שכנות

כיט נייע גרויסע פעלקער און אין שאטן פון זייערע גרויסע קולטורן.

איז עס זייער זכות, וואס זיי האבען, אייגענטלאך צום ערשטן מאל, ארייננעבראכט די גרויסע נאטור אין דער אידישער פאעזיע; וואס אין דעם שאפן פון די מייסטע פון זיי פילט זיך אזוי שטארק און פילזייטיק די „נייע ערד“ און די גרויסע שטאט; וואס זיי אלע, כמעט גאר אן אויסנאם, זיינען אזוי שטארק סאציאל; וואס די מייסטע טראגן אריין אין דער אידישער דיכטונג דעם איינפלוס פון דער ענגלישער שפראך און ענגלישער פאעזיע.

ו.

וואס איז געווען מיין מאסשטאב ביים אויסקלייבן די פאעטן? די לידער?

איך האב ארייננעגעבן די וואס איך האב געהאלטן פאר ווערטפול, אין איין הינזיכט אדער אין א צווייטער — און די וואס איך האב געקענט באקומען. איך האב אויסגעלאזן אזעלכע, וואס לויט מיין מיינונג, זיינען זיי געבליבן געשטראנדעטע אויפ׳ן זאמד און זיינען ניט ארויסגעשוואומען אינאיינעם מיט די אנדערע אין אפענעם ים פון אונדזער פאעזיע. צוזאמענשטעלנדיק א לערן־בוד און ניט קיין אנטאלאגיע, האב איך זיך ניט נאר געפילט בארעכטיקט אזוי צו טאן, נאר אויך פארפליכטעט.

פון די ארייננעגומענע דיכטער האב איך געוויינטלאך אויסגעקליבן דאס בעסטע, אין מיינע אויגן, ווי אויך דאס כאראקטעריסטישסטע פאר זיי. אבער צו מיין פארדראס האב איך פיל פון די בעסטע און כאראקטעריסטישסטע לידער דאך געמוזט אויסלאזן. האבנדיק אין זינען די גאר יונגע מענטשן, כמעט קינדער, פאר וועמן דאס בוך ווערט קודם כל צוזאמענגעשטעלט, האב איך אויסגעמיטן דאס וואס איז צו קענטיק עראטיש, אדער וועמעס אינהאלט איז צו שרעקלאך, ווי אויך דאס וואס איז אומקלאר אדער שווער. איך האב אויך געוואלט עקאנאמיזירן, אין א ברייטערן זין, האב איך געהאלטן פאר איבעריק ארייננצוגעבן פיל דערפון וואס איז שוין פאראן אין אנדערע זאמלונגען.

וואס איז שייך דער ביבליאָגראַפיע אין די נאָטיצן, האָב איך במעט תמיד נאָר אָנגעוויזן אויף דאָס מיט וואָס איך בין פּערזענלאַך באַקאַנט, ווי אויך אויף דאָס וואָס מען קען לייכט קריגן. עס האָט דאָך ניט קיין זין אָנצואווייזן אויף צייטונג־אַרטיקלען אָדער אויף רעצענזיעס אין זעלטענע אויסגאַבן, וואָס איך ווייס אַז דער געוויינטלאַכער לעזער קען זיי בשום אופן ניט באַקומען.

א וואָרט וועגן דער אָרטאָגראַפיע.

ווענדיק אַז דאָס בוך זאָל אייִנגעפירט ווערן אין דער אידי־שער שול, האָב איך זיך דאָ באַנוצט מיט דער אָרטאָגראַפיע, וואָס איז אייִנגעפירט אין אונדזערע נייסטע לערן־ביכלאַך.

איך מאַך נאָר אויסנאַמעס, אי דאָס ניט אַלעמאָל, מיט די פאָלקס־דיכטער און מיט אַ פּאָר אַנדערע פון אונדזערע עלטערע זינגער, כדי אָפּצוהיטן די היסטאָרישקייט פון דער שפּראַך אָדער דעם באַזונדערן דיאַלעקט אָדער דעם גראַם.

ערב פּסח, תּרפּ״ו.

י. ענטין.

אַ וואָרט צום לערער

ליבער לערער פון דער אידישער שול!

דער הויפט צוועק פון בוך „אידישע פּאָעטן“ איז צו באַקענען די שילער פון די צוויי העכסטע קלאַסן פון דער אידישער פאָלק־שול און די סטודענטן פון דער אידישער מיטל־שול מיט דאָס בעסטע פון דער אידישער פּאָעזיע. אַנשטאָט, וואָס ביז איצט האָט איר דעם געווינטשטן שטאָף באַדאַרפט זוכן און קלייבן אין די בענדער פון אונדזערע פּאָעטן, האָט איר אים איצט דאָ צוזאַמענגעשטעלט, מיט הייסע טענות פאַר אייך און אייערע תּלמידים.

עס איז אָבער ניט גענוג, דאָס בוך בלויז צו לייענען: מען דאַרף עס שטודירן. שילער פון די העכסטע צוויי קלאַסן פאָלק־שול און פון מיטל־שול דאַרפן פאַר דעם שוין זיין גענוג צייטיק. זיינען עס דאָך על פּי רוב יונגע מענטשן פון דער אַמעריקאַנער הויכשול און וויבאַלד זיי שטודירן די ענגליש־אַמעריקאַנער דיכ־טער, זע איך ניט איין, פאַר וואָס, זיי זאָלן אויך ניט קענען שטו־דירן אונדזערע פּאָעטן. איך מיין פונדעסטוועגן ניט, אַז אַלץ וואָס געפינט זיך אין בוך זאָל שטודירט ווערן אין קלאַס. די־אָס וואָלט, ערשטנס, געדויערט צו לאַנג און, צווייטנס, איז טאַקע אַ פראַגע, צי איז דאָס אַלץ גענוג וויכטיק, אַז מען זאָל זיך דערמיט גרינטלאַך פאַרנעמען אפילו אין אַ מיטל־שול. (די זאַך איז גאַנץ אַנדערש, נאַטירלאַך, אין אַ קאָלעדזש). דעריבער רע־קאָמענדיר איך, אַז, נאָך די אַכט פאָלקס־לידער, זאָל מען פון דער אָפּטיילונג „פאָלקס־דיכטער“, נאָר שטודירן אין קלאַס גאָטלאָ־בער׳ס „איש חסיד“, בערנשטיין׳ס „די געטרייע פריינט“, מיכל גאָרדאָנ׳ס „מיין לעבנס־צייט“ און גאָלדפאַדנ׳ס לידער; פון דער אָפּטיילונג „טעאַטערדיק־דעקלאַמאַטאָרישעס“ נאָר דאָס ליד פון נאָמבערג׳ן און מיכל קאַפּלאַנ׳ס צוויי לידער. דאָך דער אמת׳ער שטודיום זאָל זיך אָנהויבן ערשט פון די „ליריקער“; דאָ זאָל

מען גרינטלאָך דורכגיין פּרץ׳ן, פרוג׳ן, פרישמאַנען, ביאַליק׳ן, רייזענען, ל. יפה׳ס צוויי לידער און נאָמבערג׳ס ליד: אין דעם באַנד „נייע וועלטן“ מעג מען שטודירן מיט אַ שנעלערן טעמפּ אַנ־סקי׳ן, ווינטשעווסקי׳ן, שאַרקאַנסקי׳ן, גאָלדשטיינען, באַווּשאָ־ווער׳ן און אַדלער׳ן אָבער גאַנץ גרינטלאָך ראָזענפעלד׳ן, יהואש׳ן ליעסינען און רויזענבלאַט׳ן. די רעשט, פון ביידע בענדער (נאָך די פאָלקס־לידער), קען מען אָדער דורכלייענען אין קלאַס אָדער אָנווייזן די שילער, זיי זאָלן אין דעם אַריינקוקן אין דער היים. אוודאי וואָלט גלייכער געווען, אַז אַזאַ זאַך, למשל, ווי צונזער׳ס „ר׳ תחנון“ זאָלן די שילער לייענען אונטער דעם לערער׳ס אויפזיכט און קריגן פון אים די דערקלערונג וואָס אַזאַ זאַך פאָדערט. פונדעסטוועגן דאַרף מען אין אַזעלכע פאַלן זיך צופּאַסן צו די אומשטאַנדן.

איצט קומען די פראַגן: ווי אַזוי צו שטודירן? אין וואָס זאָל דער שטודיום באַשטיין?

ראשית, דאַרף מען זען, אַז די שילער זאָלן גוט פאַרשטיין דעם פּשוט׳ן זין פון ליד. צוליב דעם ווערן דאָ געגעבן, גלייך אויפ׳ן אָרט, די אָפּטייטשונגען פון די שווערערע העברייאישע, סלאַווישע און בכלל מער זעלטענע ווערטער, ווי אויך געוויסע ספּעציעלע טעקסט־דערקלערונגען.

צווייטנס, נאָכ׳ן זין פון די איינצעלנע ווערטער און פערזן, קומט דער מיין — דאָס געפיל, דער געדאַנק אָדער די שטימונג — פון גאַנצן ליד. אויך דאָ האָב איך אָפּט געפּרואווט קומען צו הילף מיט מיינע באַמערקונגען. דאָרט, וואו דער לערער דיינקט, אַז די שילער נויטיקן זיך אין ווייטערע דערקלערונגען, זאָל ער זיי צוגעבן מינדלאָך.

ביז אַהער האָבן מיר נאָך אַלץ געהאַט צו טאָן, אַזוי צו זאָגן, מיט דאָס ריין־לאָגישע פאַרשטיין פון ליד. ס׳איז אָבער ניט ווייניקער, אויב טאָקע ניט נאָך מער, נויטיק, דאָס ליד צו פאַר־שטיין אָדער באַנעמען **עסטעטיש**. צוליב דעם צוועק דאַרף דער לערער אָנווייזן אויף דער שיינקייט און קראַפט פון ליד: אויף זיין פאַרב און קלאַנג, אויף זיינע בילדער און געפילן, אויף דער שטאַרקייט און שיינקייט פון וואָרט אָדער פון דער

קאָמבינאַציע פון ווערטער. אויך דאָ האָב איך געפּרוּווט פון צייט צו צייט געבן געוויסע אָנווייזונגען.

אָבער אויך דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצן. מען דאַרף די שילער אויך פאַראינטערעסירן מיט דער פאָרמע פון ליד: מיט זיין **גאַנצקייט**, מיט דער **שייכות** פון די באַזונדערע **סטראָפן איינס צום צווייטן**, מיט דער פערזן־מאָס (צי איז עס אַ **יאַמב**, אַ **טראָכיי**, אַן **אַמפיבראַך**, אַ **דאַקטיל**, א. א. וו.), מיט דער **צאָל** פיס אין פערז און אַמאָל אויך מיט דער צעזור. גאָר באַזונדערס דאַרף מען העלפן די שילער פאַרנעמען דעם **ריטם**, די **אינעווייניקסטע מוזיק** פון דעם דיכטער. אַ היבש ביסל אָנווייזונגען פון דעם מין ווערן געגעבן נאָך אַ היבש ביסל לידער. דער לערער מעג זיי אָבער אויסברייטן נאָך מער.

פאַר יעדן פּאָעט גיב איך אַ נאָטיץ. ביי די וויכטיקערע פּאָעטן אַנטהאַלטן די נאָטיצן, אַחוץ ביאָגראַפישע ידיעות, אויך קורצע אָפּשאַצונגען. איך בין ניט אינגאַנצן זיכער, צי זיינען דידאַקטישע נאָטיצן אַקוראַט צוגעפּאַסט פאַר די שילער אַליין. יעדנפאַלס קען זיך דער לערער מיט זיי באַנוצן, אום צו פאַרפירן שמועסן וועגן די פּאָעטן. אין דידאַקטישע שמועסן זאָל ער, צוזאַמען מיט די שילער, זען אויסגעפינען, צי ווערן די אָפּשאַצונגען גערעכטפאַרטיקט פון די לידער (סיי די וואָס זיינען דאָ אין בוך און סיי אַנדערע). ענלאַכע דיסקוסיעס קען דער לערער אויך פירן, אויב ער דיינקט אַז דער קלאַס איז שוין פאַר דעם דערוואַקסן, וועגן יעדער גרופּע פּאָעטן אַלס גאַנצע, אין וואָס עס קענען אים באַהילפיק זיין מיינע באַמערקונגען אין דעם „אַריינפיר“. עס וועט זיכער אויך ניט שאַטן אין די קלאַס־געשפּרעכן צו פאַרגלייכן אַ ליד מיט אַ ליד און, אויב די שילער זיינען שוין גענוג צייטיק, אַ פּאָעט מיט אַ פּאָעט. מען קען אַפילו, אונטער געוויסע אומשטאַנדן, נאָך גיין אַ טריט ווייטער און אָנווייזן וואו אונדזערער אַ דיכטער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון אַ פרעמדן דיכטער, אַן ענגלישן אָדער דייטשן למשל. בכלל וואָלט איך ראַטן, וואָס מער צו האָבן אַזעלכע שמועסן און צו באַשטיין אויף דעם, אַז די שילער זאָלן ניט

זיין בלויז פּאַסיווע צוהערער נאָר טאַקע אַקטיווע אַנטייל נעמער אין דעם שמועס.

אַזעלכע דיסקוסיעס, ווייס איך פון פּראַקטיקע, זיינען העכסט ניצלאך און פאַרפעלן ניט צו אַנטוויקלען אין שילער ליבע און פאַרשטענדניש פאַר אונדזער פּאָעזיע.

י. ע.

פֿאָלקס לידער

משיח

שנירעלע, פערעלע, גילדערנע פאָן,
משיח בן דוד זיצט אויבן־אָן,
אין גאָלד און אין זילבער אָנגעטאָן.

האַלט ער אַ בעכער אין דער רעכטער האַנט,
מאַכט ער אַ ברכה איבער גאָר דעם לאַנד.

אָמן ואָמן, דאָס איז וואָר, 1)
משיח וועט קומען היינטיקן יאָר.
וועט ער קומען צו רייטן,
וועלן מיר האָבן גוטע צייטן;
וועט ער קומען צו פאָרן,
וועלן מיר האָבן גוטע יאָרן;
וועט ער קומען צו גיין
וועלן אַלע מתים אויפשטיין.

1) וואָר — אמת, ריכטיק.

ארץ ישראל

אין מיטן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן;
פאָרט אַ איד קיין ארץ ישראל
מיט פאַרוויינטע אויגן.

גאָט, גאָט, ליבער גאָט!
לאָמיר דאַוונען מנחה, —
אַז מיר'ן קומען קיין ארץ ישראל
וועט זיין אַ גרויסע שמחה.

(אין דעם פאָלקס־ליד טרעפן מיר דעם פּאַראַלעליזם, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָר אַ סך אידישע און ניט־אידישע פאָלקס־לידער: דער זינגער הויבט אָן מיט עפּעס אַ זאַך פון דער נאַטור, דערנאָך שטעלט ער אַוועק פּאַראַלעל מיט איר דעם העלד פון זיין געזאַנג. דער פּאַראַלעליזם גיט אַ סך פאָלקס־לידער זייער ספּעציפישע בילדלאַכקייט. אין איצטיקן ליד איז דער פּאַראַלעל צווישן איינזאַמן, איינגעבויגענעם בוים און דעם וויינענדיקן אידן, וואָס פאָרט קיין ארץ ישראל).

וויג־ליד

כ'האָב דיך, מיין קינד, שלאָפן געלייגט,
זאָלסטו מיר שלאָפן געזונטערהייט!
געזונטערהייט זאָלסטו מיר ליגן
און איך וועל דיר זינגען און איך וועל דיך וויגן.
שלאָף, מיין קינד, שלאָף, מיין קינד,
דו זאָלסט מיר לעבן און זיין געזונט!

דו האָסט שוין דיינע אויגעלאַך צוגעמאַכט,
ווי די שיינע זון גייט אונטער פאַרנאַכט;
דו האָסט שוין דיינע אויגעלאַך אָפן און צו,
ווי די שיינע זון גייט אויף אין דער פרי.
שלאָף, מיין קינד א. א. וו.

דעם קיסר'ס אוצרות איז גאָרנישט אָפּצוצאָלן,
דאָס שיינקייט פון מיין קינד איז גאָרנישט
אָפּצומאָלן!

אַזאַ מתנה האָט מיר גאָט געגעבן,
עס זאָל מיר וואַקסן, עס זאָל מיר לעבן!
שלאָף, מיין קינד א. א. וו.

דעם קיסר׳ס אוצרות מיט זיין גאַנצע מלוכה,
איז דאָך ביי מיר נישט אַזוי פיל ניחה,
ווי דו ביסט ביי מיר ניחה מיט דיין ליכטיקע שיין,
אַז איך קוק דיך אָן, איז די גאַנצע וועלט מיין.
שלאָף, מיין קינד, א. א. וו.

ווען איך טו מיך אַמאָל וועגן דיר פאַרקלערן,
דאַכט זיך מיר, איך זע די זון מיט די שטערן;
ווען דו מיט דיין געלעכטער טוסט צו מיר ריידן,
עפענען זיך פאַר מיר די טירן פון גן עדן.
שלאָף, מיין קינד, א. א. וו.

די טירן פון גן עדן וועלן אָפן שטיין,
אַז איך וועל אויף יענער וועלט דאַרפן גיין;
דו וועסט דאָך זיין אַ פרומער און אַ גוטער,
וועט מען זאָגן: לאָזט אַריין דעם צדיק׳ס מוטער!
שלאָף, מיין קינד, א. א. וו.

(דאָסדאָזיקע ליד וואָס איז אַזוי רייך אין בילדער, אַזוי טיף אין מוטערלאַכן געפיל און אַזוי חנ׳עוודיק מיט זיין פשוט־אידישן טאָן, איז איינס פון די פערל פון דער אידישער פאָלקס־פּאָעזיע. אין ליד איז דייטלאָך קענטיק די געגנד — דרום־רוסלאַנד און פוילן — פון וואַנען עס שטאַמט: די גראַמען „צי" און „פרי", „מלוכה" און „ניחה" זאָגען אויף דעם כשר׳ע עדות. דאָס ליד ווערט געזונגען מיט אַ פראַכטיקער מעלאָדיע (וואָס איז די לעצטע יאָרן שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן דורך דער זינגערן איזאַ קרעמער) וועלכע דערמאַנט אויף דעם ריטם פון וויגן אַן אַלט־מאָדיש הייגנ־וויג.)

דער העזעלע

בין איך מיר אַ העזעלע, אַ העזעלע אויף דער וועלט,
שרעקעניש און פּיין בין איך אויסגעשטעלט;
שרעקעניש און פּיין, שרעקעניש און פּיין,
פון דער גאַנצער וועלט מוז איך אויסשטיין, —
בין איך מיר אַן אָרימינקער העזעלע אַליין!

גייט זיך מיר דער ווינטערל,
דער ווינטערל מיט די גרויסע שניי,
ווערט דאָך מיר ווינד און וויי;
ווינד און וויי איז דאָך מיר,
וואָס איך האָב ניט קיין קוואַטיר, —
בין איך מיר אַן אָרימינקער העזעלע אַליין!

טו איך מיר שטיין, שטיין אויפ'ן הויכן באַרג,
יאָגט דאָך מיר דער יעגער זייער שטאַרק;
יאָגט ער מיר געשווינט און שיקט אויף מיר די הינט, —
בין איך מיר אַן אָרימינקער העזעלע אַליין!

דאָ ווער איך שוין געפאַנגען, געפאַנגען זייער גיך,
ברייננגט מען מיך צום פּריץ אויפ'ן קיך:
שנייט מען מיר דעם בייכעלע איין,
טרינקט מען דערנאָך מעד און ווייַן, —
בין איך מיר אַן אָרימינקער העזעלע אַליין!

(„דער העזעלע“, וואָס איז גענומען פון י. ל. כהנ׳ס זאַמלונגען, איז איינס פון די גאַר וויכטיק אידישע פאָלקס־לידער וועגן חיות. „שנייט מען מיר דעם בייכעלע איין“ דאַרף זיין אַ קלאָרער סימן, אַז דאָס ליד שטאַמט פון ליטאַ.)

דער יתום

װאַסער שוימט, װאַסער שוימט,
טומט מען גאַנץ װײט הערן —
װען עס שטאַרבט דער פֿאָטער־מוטער
גיסט דער יתום מיט טרערן.

ביי מיינע פריינט, ביי מיינע פריינט,
װאַקסט װייץ און קערנער —
ביי מיר יתום, ביי מיר יתום
:װאַקסט דאָך גראָז און דערנער!

(דער פאראלעליזם, אויף וועלכן עס איז אנגעוויזן געווארן אין ליד „ארץ ישראל“. איז דא נאך קענטיקער. „דער יתום“, ווי אויך דאס נעכסטע ליד, „די יונגע יארן“, זיינען ארויסגענומען פון פראפעסאר ל. ווינער׳ס בוך:
"Yiddish Literature In The 19th Century".

די יונגע יאָרן

יאָרן קליינע, יאָרן שיינע,
װאָס זענט איר אַזוי װײניק דאַ?
איר זענט נאָר געקומען,
מען האָט אייך שיין אויפגענומען
און זענט נאָר געװען ביי אונדז איין שעה.

יאָרן יונגע, יאָרן גרינגע,
װאָס זענט איר אַזוי גיך אַוועק?
עס זעט אייך ניט קיין אייגל,
עס דעריאָגן אייך ניט די פייגל,
איר זענט אַוועק גאָר אָן אַן עק!

פאַרלאָרענע ליבע

אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג,
אין שטיבעלע איז אַ פּאַרע;
כ'האָב אָפּגעלעבט מיינע יונגע יאָרן
ווי אין אַ פינצטערער כמאַרע.

ווי אַ פינצטערע כמאַרע
איז דער טאָג פון מיין געבאָרן;
איך האָב געהאַט אַ טייערן דימענט
און האָב אים אָנגעוואָרן.

איך האָב אים אָנגעוואָרן
און קען אים ניט געפינען;
שטיין שטייט ער פאַר מיינע אויגן
נאָר איך קען צו אים ניט קומען.

איך קען צו אים ניט קומען,
כ'קען מיט אים ניט ריידן;
אָי, פון אונדזער הייסער ליבע
מוזן מיר זיך צעשיידן!

מיר מוזן זיך צעשיידן,
ווי דער גוף פון דער נשמה;
אָי, קיין גוטס זאָל דער ניט האָבן
ווער עס דערלעבט אָן אונדז נקמה!

איך וועל זיצן און קלאָגן
ביז אין מיין גרויען צאָפּ,
ווייל מע האָט מיר צוגענומען
די קרוין פון מיין קאָפּ.

די קרוין פון מיין קאָפּ,
די צווייגן פון דעם בוים;
מ'האָט דאָך מיר צוגענומען
דעם שענסטן פאַרשוין.

אַלע וואַסערלאַך לויפן אַוועק,
די גריבעלאַך בלייבן ליידיק;
אַי, וואו נעמט מען אַזאַ מענטשן
וואָס זאָל פאַרשטיין מיין וויטיק?

אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין מענטש,
וואָס זאָל קענען די שטערן איבערציילן;
אַזוי איז אויך ניטאָ קיין מענטש,
וואָס זאָל קענען מיינע וואונדן היילן.

(אין דעם בילדלאַכן און זייער געפילפולן ליד באַגעגענען מיר, אַד דעם פּאַראַלעליזם, אויך אַנאַנדער כאַראַקטעריסטיק פון דער אידיש פאָלקס-פּאָעזיע — די קייטלונג פון די סטראָפן: דער ערשטער פערז יעדן נייעם סטראָף איז אַן איבער'חזר'ונג פון לעצטן פערז פון פאַר סטראָף.)

די גנבה

ביי מיין רבי'ן איז געוועזן,
איז געוועזן ביי מיין רבי'ן,
ביי מיין רבי'ן איז געוועזן
אַ גנבה!
זיבן העמדער ווי די בלעטער,
דריי מיט לאַטעס, פיר מיט לעכער
אַ גנבה!

בײ מײן רבי׳ן איז געװעזן,
איז געװעזן בײ מײן רבין,
בײ מײן רבי׳ן איז געװעזן
אַ גנבה!
זיבן לײכטער װי די שטערן
דרײ אָן פּיסלאַך, פיר אָן רערן, —
אַ גנבה!

(„די גנבה” װערט דאָ געבראַכט אַלס בײשפּיל פון די פיל שפּאַס־לידער
װאָס זײנען פאַראַן אין אונדזער פאָלקס־פּאָעזיע.)

II

פֿאָלקס דיכטער

דר. שלמה עטטינגער

דר. שלמה עטטינגער — דיכטער און דראמאטורג; געבארן אין ווארשוי, איז דעצעמבער, 1799, געשטארבן אין זדאנאוו, לעבן זאמאשטש, אין 1855. מחמת זיינע הויכע פאעטישע מעלות, ווי אויך ווייל ער האט געשריבן אויס ריינער ליבע צו דער אידישער דיכטונג און ניט כדי צו פראפאגאנדירן וועלכע ס'איז אידייען, מעג מען עטטינגער'ן באטראכטן פאר'ן ע ר ש ט ן ו ו ע ל ט ל א כ ן אידישן פאעט, (פריערדיקע פאעטן האבן כמעט תמיד געזונגען אדער אויף מער־ווייניקער רעליגיעזע טעמעס אדער וועגן עפעס א פאקט־יש געשעניש אין לעבן). זיינע פאבעלן, לידער, עפיגראמען א. א. וו. (ארויסגעגעבן דורך זיינע יורשים אין 1889טען יאר), אין דעם דרום־רוסיש־פוילישן דיאלעקט, זיינען געשריבן אין א ריין־לויטערער שפראך און פינקלדיק־בויגזאמען סטיל. עטטינגער איז געווען א משכיל, ד. ה. אן אנגעהעריקער צו דער גרויסער אידישער אויפקלערונג־און פארוועלטלאכונג־באוועגונג, וואס אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יארהונדערט האט זי זיך אנגעהויבן אין דייטשלאנד און אנהויב 19טן יארהונדערט האט זי זיך גענומען אריבערטראגן אויך אין דער רוסישער מלוכה. און ניט נאר איז ער, ווי א סך אנדערע משכילים, געווען באקאנט מיט דער דייטשער פאעזיע פון זיין צייט, נאר ער איז קענטיק אויך געווען באאיינפלוסט פון דער ספעציעלער דאמאלסדיקער ר א מ א נ ט י ש ע ר באוועגונג אין דער דייטשער ליטעראטור; זיין באלאדע „וואלהייד“ איז, מיט איר גייסטערהאפטער פאנטאסטישקייט, פאקטיש דער איינציקער אוממיטלבארער אפקלאנג פון דעם דייטשן ראמאנטיזם אין אונדזער פאעזיע. כאטש עטטינגער'ס זאכן זיינען ערשט פארעפנטלאכט געווארן 34 יאר נאך זיין טויט, האבן זיי דאך אן ספק אויך געמוזט האבן א ווירקונג ביי זיין לעבן: דער מנהג פארצולייענען שאפונגען פאר א היימישן קרייז און צו צירקולירן זיי אין מאנוסקריפט איז געווען זייער גאנגבאר צווישן די משכילים, וועלכע זיינען געווען שטארק פארבונדן צווישן זיך.

ביבליאגראפיע: ל. ווינער 'Yiddish Literature', ז. רייזען „לעקסיקאן“, א. מוקדוני אין „פנקס“ און ב. גארינ'ס „געשיכטע פון אידישן טעאטער“.

צום נייעם יאָר

(צו מיינע פריינט)

עס׳ דרייט זיך גאָר ווי אַ רינגעלע
דעם מענטשנ׳ס לעבען אין צרות, אין גליק.
אַלט און גרייז-גרוי ווערט דאָס אינגעלע
און גייט ווידער צו דער ערד צוריק.
שיינקייט, כבוד, עשירות גאַנצע פעק
פאַרשווינט מיט דער צייט גאָר גלייך אַוועק;
מיט דער צייט ווערט פאַרשוואונדן פון דער וועלט
די מצבות אפילו וואָס מען שטעלט.

זיינען מיר נאָך אַלע איצונד 1)
ווי מיר זיינען פאַראיאָרן געוועזן:
אַלע באַנאַנד 2) גאָר פריש און געזונט
ווי מיר האָבן זיך דעמלט געזען?

אוי! נישט איינער איז אונדז געוועזן ליב,
וואָס ער ליגט איצט שוין און פוילט אין גריב:
זיין לעבן האָט געעקט ווי אַ חלום,
מע זאָגט איצט אויף אים „עליו השלום“.

און ווער ווייסט פון אונדז אָט-אַ-דאָ,
ווער איבער-אַ-יאָר וועט דאָרט רוען?
דער טויט זאָגט דאָך נישט אָן די שעה,
ווען ער וויל דעם מענטש עפּעס טוען, 3)
אָפט פאַלן ביי דעם שענסטן וועטער
אַראָפּ פון בוים די גרינסטע בלעטער.

און דער מענטש וואָס אויף דער וועלט איבערבלייבט,
קלאָגט ווען ער זיין פריינט די מצבה שרייבט.

---

1) איצט 2) אינאיינעם. 3) אזא אויסשפּראַך באַקומט דאָס וואָרט „טון“ אין געוויסע דרום־רוסישע געגנטן.

(מחמת אַט אַזעלכע לידער ווי דאָס אויביקע, מיט זייער שטאַרק מאָראַלי־זירנדיקן אינהאַלט, מוז מען עטטינגער׳ן אַריינרעכענען אין דער גרופּע אידישע פאָלקס־דיכטער, ביי וועמען דער פרומער מוסר־טאָן און די מאַניר פון לערנען אַבסטראַקטע, מאָראַלישע לעקציעס פון קאָנקרעטע אָביעקטן, איז איינע פון די הויפּט כאַראַקטעריסטיקן.)

אַ קינד ווערט געבוירן 1)

(אויסצוגן פון דער פּאָעמע „דאָס ליכט“)

ווי צוגעמויערט צום קוימען שטייט
דער קעסל, מיט חלב ביז צום ראַנד.
נאָך היינט מוזן די ליכט זיין גרייט.
רירט אייך, יונגען! זייט אַלע באַנאַנד.
פון דעם פּנים היים,
קאָפּן מוז דער שווייס,
ווען די מלאכה זאָל דעם מייסטער לויבן —
אָבער די ברכה קומט נאָר פון אויבן.

צו דער מלאכה וואָס מיר מאַכן אַצינד,
שיקט זיך 2) עפּעס אַן ערנסטער שמים;
וואָרום נאָר די אַרבעט מאַכט זיך געשווינט
וואָס מע רעט דערביי אַ וואָרט אַ זים...

דאָס וואָס מיר ווילן דאָ מאַכן
און מיר צעשמעלצן איצט אין פייער,
וועט אַמאָל דערקלערן זאַכן,
וואָס זענען ביי אונדז גאַנץ טייער.

צי וועט זיין אַ שמחה צי אַ לייד,
וועט עס געבן צו דערקענען
און נישט מיט ווערטער, נישט מיט רייד
נאָר אַז מע וועט עס זען ברענען;
פון דער צייט וואָס מע ווערט געבוירן,
צי גייט עס גוט, צי גייט עס שלעכט,
ביז מע ווערט פון דער וועלט פאַרלוירן,
וועט אַלס דערקלערן אונזער לעכט....

באַלד ווי דאָס קינד קומט פון דער מוטער,
ווייסט ער נישט, וואָס איז זיס, וואָס ביטער,
אין דער צייט ליגן נאָך פאַרבאָרגן
זיינע אַלע שמחות און זאָרגן. —
איצט קומט ער אויף דער וועלט אַרויס,
ווי פון אַ פינצטער, אַ טונקל הויז,
דאָס ערשטע איז די ליכטיקע שיין,
וואָס פאַלט אים אין די אויגן אַריין;
ער קען זיך מיט איר נישט דערקוויקן,
ער קען אין איר נישט אַריינקוקן.
מיט דעם גרויסן ליאַרעם און געוויין
קומט ער אויף דער וועלט אַרויסצוגיין,
די מאַמע, די קימפּעטאָרן,
צוזאַמען מיט דער וואַרטאָרן, 3)
גיבן זיך נעבאך אַלע מי
און דעקן אים די אייגעלאַך צו.
נאָר איין ליכט צינט מען אָן אין ווינקל,

עס מעג זיין ליכטיק, מעג זיין טונקל;
ווייל די אַלטע באָבע דבורה
ציטערט זייער, זי האָט מורא,
די שדים זאָלן נישט קומען,
פון איך ווייס ניט וואו צושווימען,
אָדער אויף קאָטשערעס צו רייטן,
דאָס זיסע קינדעלע צו פאַרבייטן.
און די שדים אַוועקצוטרייבן,
דאָס קינד זאָל דאָס אייגענע בלייבן,
קען נאָר דערהיטן אונדזער לעכט.
אַכט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט...

1) ביי די פאָלקס־דיכטער ווערט דאָ די אויסלייגונג אפט איבערגעלאָזט אומפאַרענדערט. 2) פאָסט זיך. 3) די וואָרטס־פרוי, די וועכטערן אַרום דער קימפעטאָרן.

(„דאס ליכט“, עטטינגער׳ס גרעססטע און וויכטיקסטע פאעמע, איז גע־שריבן אין דער פארמע פון א שמועסביים ליכט־שמעלצן און, אנהויבנדיק פון דעם ניי־געבארן קינד׳ס ברית, גייט זי איבער אין א באטראכטונג פון זיין גאנץ לעבן. אויף אן ענלאכן שטייגער האט אויך דער שפעטערדיקער פאלקס־דיכטער אליקום צונזער געשריבן זיין „סנדק“, וואו, כלומרשט שטייענדיק איבער׳ן קינד, גיט דער סנדק פון ברית אן איבערבליק איבער׳ן קינד׳ס גאנצע צוקונפט.)

אברהם בער גאָטלאָבער

אברהם בער גאָטלאָבער — באַרימטער העברייאישער פּאָעט, נאָוועליסט און פּובליציסט. געבאָרן דעם 14טן יאַנואַר, 1811, אין אַלט־קאָנסטאַנטין, אין אוקראַינע, געשטאָרבן דעם 12טן אַפּריל, 1899, אין ביאַליסטאָק, אין פּוילן. גאָטלאָבער האָט אויך ליב געהאַט די אידישע שפּראַך און אויף איר געשריבן לידער און טעאַטער־שטיקער. (זע ש. ניגער וועגן גאָטלאָבער, „די צוקונפט“, 1924).

(„איש חסיד“ איז אַ זייער אַלטע העברייאישע באַלאַדע, ייאָס געפינט זיך איז סדור און ווערט געזונגען אין אידישע הייזער אין די שבת׳ע־נעכט. אונזער משכילישער פּאָעט גיט דאָ אַ מאָדערנע, סאַטירישע באַאַרבעטונג פון דער אַלטער באַלאַדע; פון דעם דאָרטיקן פאַרצייטיקן פרומען מאַן („איש חסיד“) ווערט דאָ אַ שלימזל׳דיקער חסיד, מיט אַ ווייב מיט אַ „מענה לשון“, וועלכער, ווערנדיק רייך, ווערט ער אויך גראָב און פאַרדאָרבן — די באַלאַדע איז דאָ אַ ביסל אָפּגעקירצט.)

איש חסיד

(באַלאַדע 1)

פאַר גאַנץ לאַנגע צייט,
דערציילט מען ביי לייט,
איז אַ חסיד אַ פרומער געווען:
אַ חסיד, דאָס הייסט,

ווי איטלאכער ווייסט —
דאָס פאַרשטייט איר מסתמא אליין:

אַ ווייב אַן אנטיק
און קינדער פינף שטיק,
נאָר קיין ברויט איז אין שטוב ניט געווען:
דאָס ווייב לאָזט ניט רו,
די קינדער דערצו:
„גיב אונדז עסן — מיר וועלן אויסגיין!"

ער גייט אום פאַרשמאַכט,
ביז שפּעט אין דער נאַכט:
„אוי, ביז וואַן איז דער שיעור מיר צו גיין?"
במחשבות פאַרטיפט,
ער האָרכט ווי מע ריפט —
און דערזעט פאַר זיך עמיצן שטיין.

מע גיט אים די האַנט
אַזוי ווי באַקאַנט
און מע פרעגט אים: „וואָס ביסטו פאַרטראַכט?"
ער ענטווערט אים שטיל:
„דער קאָפּ איז מיר דיל,
אוי, פאַרשוואַרצט ווער איך טאָג אַזוי נאַכט!

נאָר צרות און לייד,
קיין עסן, קיין קלייד,
ווי נ'אַפּסאַרני 2) איז אין שטוב ביי מיר קאַלט;
דאָס שטיקעלע ברויט
איז שווער ווי דער טויט —
און מע ווערט פון דעם גיך גרוי און אַלט..."

„אַט הער נאָר מיין קינד,
דו ווייסט וועמען צינד

האָסט אַ זכיה פֿאַר זיך דאָ צו זען? —
איך בין, אַנו טרעף,
פֿון הימל דער שעף 3)
אליהו הנביא אַליין!

איך ווייס וואו אַ סוד,
איך האָב דורך אַ כאָד, 4)
וואו דו ווילסט קאָנסטו טרעפֿן מיך דאָרט:
איך וואַקס פלוצים אויס
אין איטלאַכעס הויז,
ווי מע רעט נאָר אַרויס מיר אַ וואָרט.

און פסח ביים טיש,
צו קידוש, צו פיש,
צו די סדרים דורכאויס מוז איך זיין:
און גאַנץ אויבענאָן
דאָרט גרייט מען מיר אָן
אַ באַזונדערן בעכער מיט וויין.

און וואו נאָר סע איז
עס טרעפֿט זיך אַ ברית,
קום איך אַהין צו לויפֿן גאָר גיך.
און פלי נאָך אַחוץ
אַרום ווי אַ בליץ—
אומעטום בין דאָך איך דער שליח....” 5)

„אוי, זיידעניו, הערט,
אַז מיר איז באַשערט
אליהו׳ן צו זען דאָ הי,
טאָ העלפֿט זשע מיר אויך
מיט אייער גאָט׳ס כח...
וואָס,עס דאַרף אייך דען קאָסטן פֿיל מי?

איך גיב אייך דאָס וואָרט
אָט דאָ אויפ'ן אָרט —
איך וועל פרום זיין און ערלאך און פיין;
און צדקה אָן אַ שיעור
וועט פאַלן פון מיר —
אַזאַ צדיק ווי איך וועט ניט זיין!...“

דער זיידע האָט געהערט,
האָט לאַנג ניט געקלערט,
טוט אַ זאָג באַלד צום חסיד גאַנץ שטאַרק:
„דו נעם מיך און בינד
און פיר מיך געשווינט
אָפּ אַהין וואו עס שטעלט זיך דער מאַרק.

און פרעג נאָר דאָרט רעכט
ווער דאַרף זיך אַ קנעכט,
וואָס קאָן אַלסדינג טון אין דער וועלט?
פאַרקויף מיך, נישט טראַכט,
און גיך אָפּגעמאַכט —
דו וועסט נעמען פאַר מיר אַ סך געלט!“

אוי, זיידעניו, ניין!
ווי קען עס געשען,
אַז אַ קנעכט זאָל פאַרקויפן זיין האַר?
איך וועל עס נישט טאָן
אייך פאַר אַ מיליאָן,
ניין, איך וויל נישט, איך קאָן נישט, קיין צער!“

„דו שוטה, איך וויים,
נאָר טו וואָס איך הייס,
מן הסתם, אַז מע שמיסט דאָ מיט דיר,
טאָ זיי ניט קיין נאַר —
דו ביסט שוין מיין האַר,
שטיי נישט, נעם מיך און בינד מיך און פיר!“

א פריץ דאָרט שטייט,
דעם אידן דערזעט
אויף דעם מאַרק מיט אַ קנעכט דאָרטן שטיין.
„וואָס קאָסט אָט דער העכט,
דער דאָזיקער קנעכט?"
„כ'וויל אַכט הונדערט מאָל טויזנט גילדיין;

„עס איז קיין סך געלט —
און וואָס אין דער וועלט
וועט ער מאַכן דיר, קריגן אַלסדינג:
דו ווילסט דיר אַ הויז? —
אָט בויעט ער דיר אויס,
מיט דעם קיק ווערט זי פאַרטיק גאָר גרינג!"

„מע דערקענט אין איין בליק,
ער איז אַן אַנטיק...
וויפיל טעג דאַרפסטו בויען אַ הויז?"
„אַ הויז? וואָס הייסט דאָס?
וואָס קלעקט דאָס מיר, וואָס? —
אויב דו ווילסט, בוי איך אַ שטאָט דיר באַלד
אויס —

פאַרגעס ניט דאָס אויך,
אַז ניט מיט מיין כח
טו איך מאַכן אַלסדינג וואָס איך מאַך:
די האַנט מיינע שאַפט
מיט הימלישער קראַפט
און מיר העלפן מלאכים אַ סך..."

דער קנעכט איז פאַרקויפט,
דער חסיד אַנטלויפט,
ער פאַרפירט אַזש דעם „זייט מיר געזינד!"
ער הערט נישט קיין וועלט,
ער האָט שוין היינט געלט —
אליהו'ן פאַרגעסט ער געשווינט...

מע זאָגט, אין אַ צייט,
ווי ס'פירט זיך ביי לייט,
האָט שוין קיינער דעם חסיד דערקענט;
אוים חסיד, אוים, אוים,
אוים חסידות, אוים,
אַ כל בו'ניק, 6) נעמט גרויסן פּראָצענט !... 7)

---

1) דער געוויינטלאַכער טייטש פון באַלאַדע איז: אַ פּשוט'ע, פאָלקלאַכע, פּאָעטישע דערציילונג; ניט זעלטן קומט אין דער באַלאַדע אויך אריין אַ ראָמאַנטישער אָדער פאַנטאַסטישער עלעמענט. 2) פּסאַרניע (סלאַוויש) — אַ שטאַל פאַר הינט. 3) שעף — Chief. 4) אַ דורכגאַנג, אַ וועג, אַ צוטריט. 5) „שליח" ווערט אין דרום־רוסלאַנד אַרויסגערעדט אַזוי ווי „שליד" און קען זיך גאַנץ גוט גראַמען מיט „גיד"; דאָס זעלבע איז אויך וועגן „כח" און „אויך" אין נעכסטן סטראָף. 6) אַ כל בו'ניק — איינער וואָס איז „אַלץ וואָס אין דער קאָרט שטייט", אַ טרייפניאַק, אַ צעלאָזענער יונג. 7) עס הייסט, ער ווערט אַ האַרטער וואַכערניק, „רייסט פון לעבעדיקע און פון טויטע".

בערל בראָדער

בעריל בראָדער (מאַרגאָלים) — געבאָרן אין בראָד, גאַליציע, אין 1817, געשטאָרבן, ווי עס ווערט איבערגעגעבן, אַרום 1880, אין פּליעשטש, רומעניע. בעריל בראָדער, ווי וועלוועל זבאַרזשער און אַנדערע פאָלקס־דיכטער, איז געווען אַן אומוואַנדערנדיקער זינגער, ד. ה. ער פלעגט אַרומפאָרן איבער אידישע שטעט און שטעטלאַך און אונטערהאַלטן דעם עולם, זינגענדיק אייגענע און פרעמדע לידער, אָפט פערזאָניפיצירנדיק זיי מעשה אַקטיאָר. אַרום דעם מיטן פון 19טן יאָרהונדערט איז, אין גאַליציע, אין פאַרבינדונג מיט דער השכלה־באַוועגונג, אויפגעקומען אַ גאַנצע „שולע" אַזעלכע אונטערהאַלטער, וועלכע מען האָט טאַקע גערופן: „די בראָדער זינגער". שפּעטער־צו האָבן זיך אַזעלכע זינגער אויך געוויזן אין אידישע ווייַן־קעלערן און ענלאַכע פּלעצער אין אַדעס און אַנדערע רוסישע און רומענישע שטעט. עטלאַכע אַזעלכע זינגער זיינען טאַקע געווען צווישן די ערשטע אַקטיאָרן פון שטענדיקן אידישן טעאַטער.

ביבליאָגראַפיע: א. ליטווין, „די צוקונפט", דעצעמבער, 1914; ב. גאָרין, „די געשיכטע פון אידישן טעאַטער".

אַ ליד פון איין שמש (1

א.

איך קרומער שמש,
מיין געצייג איז דער קרומער שטעקן;
מיין לעבן ווערט מיר נמאס,
אַז איך דאַרף אויפשטיין וועקן;

פאַרטאָג איז ביי יעדן דער בעסטער שלאָף,
ער איז זייער געזונט און גוט;
אויף מיר איז אויסגעגאַנגען איין גאָט'ס שטראָף,
פון דעם טעם ווייס איך נעבאך ניט.

ב.

אַז איך האָב אַמאָל איין טעות,
איך קלאַפּ אין איין פרעמדן לאָדן אָדער
פענצטער—
צו דעם וואָס איך האָב אומזיסט הוצאות,
שעלט מיך אַפילו דער קלענסטער:
איך בין איין מענטש, איך בין פאַרשלאָפן,
וואָס זאָל איך נעבאך טאָן?
ניט גענוג, גאָט האָט מיך געטאָן שטראָפן,
שעלט מען מיך נאָך גאַניץ גוט אָן!

ג.

אַז איך האָב אַמאָל איין מאַרק-מענטש
אָדער איין מאַרק-מעקלער פאַר איין בעל הבית,
כאַפּ איך פון דעם שטן איין בענטש, 2)
גאָר אָן איין פאַרוואָס:
דער בעל הבית קומט אַהיים שפּעט פון דעם מאַרק
און האָט איין גלעזל משקה אין קאָפּ,
ער ליגט ווי איין מת און שלאָפט שטאַרק
און שרייט: „ער האָט ניט געהערט מיין קלאַפּ“.

ד.

אַז עס קומט דאָנערשטאָג מיט דער פושקע צו גיין,
ווערט אין מיר מיין בלוט פאַרמישט:
איינער שאָקלט מיט דעם קאָפּ: ניין!
דער צווייטער זאָגט: ער האָט נישט!
דער עושר האָט גראַד ביי זיך פעריאַלן 3)
דער אָרימאַן האָט נישט קיין געלט;
יו, 4) עס ווערט מיר טאַקע נישט פאַרפאַלן —
לעת עתה בלייב איך אויסגעשטעלט.

ה.

אויף חתונות און אויף ברית'ן צו גיין,
שיקט מען מיך אַרום בעטן;
כאָטשע יענער וויל נישט גיין,
טאָר איך אים נישט אָפּטרעטן;
איינער וויל נישט גיין, דער מאַכט זיך קראַנק,
אין דעם דריטן האָב איך גראָד פאַרגעסן;
שרייט מען: דורך דעם שמש האָבן מיר נישט
קיין דרשה־געשאַנק, 5)
דערוואַרגן זאָל ער זיך מיט דעם עסן.

ו.

אַז עס קומט פאַרטאָג סליחות,
האָבן מיינע פיס ניט קיין שפּאָר: 6)
דער גבאי וואוינט ביי אַלדע רוחות
און דער חזן ביי אַלדע שוואַרצע יאָר;
אַלע געסלאַך פון דעם מאַרק
בין איך שוין אויסגעקראָכן,
נישט איינמאָל האָב איך געבראָכן דעם קאַרק
און דערצו דעם לאַמטערן צעבראָכן. 7)

ז.

אַז עס קומט פרייטאָג זייגער פיר,
ווייס איך ניט, וועלכעס צו טאָן פריער:
צי זאָל איך די לעכט אָנקלעפּן,
צי זאָל איך ווי אַ רוח אַרומשוועבן;
פון דעם ווינט שמעלצן אויס די לעכט
און איין שייגעץ האָט דעם ערוב 8) צעריסן:
שרייט מען: פאַר וואָס איך האָב ניט פאַררעכט?
דערוואַרגן זאָל ער זיך מיט דעם ביסן.

ח.

איין חזן איז אויך שלעכט, ווי מען קוקט אַריין,
עס איז אויך פון די שלעכטע פּרנסות:
אַקעגן 9) קאָן מען אים נישט מדחה זיין; 10)

אָבער מיר זאָגט מען תיכף אָפּ פון דעם שמשות.
דער גבאי האָט זיך שפּעט אויפגעכאַפּט,
איך בין נישט אַוועקגעגאנגען קיין ד׳ אמות.
און שרייט: ער האָט נישט געהערט ווי איך
האָב געקלאַפּט, —
קלאַפּ יו, קלאַפּ נישט, ביסט אוים שמש!

---

1) דאָס ליד, ווי די מייסטע לידער ביי די פאָלקס־דיכטער, איז וואָס מען רופט, אַ דראַמאַטישער מאָנאָלאָג: דער דיכטער פירט אַרוים אַ געוויסן טיפּ און לאָזט אים ריידן פאַר זיך אַליין. אין מייסטע אַזעלכע לידער, ביי אונדזערע פאָלקס־דיכטער, באַקלאָגט זיך דער פאַרשווין אויף זיין ביטערן גורל. (זע בעריל בראָדער׳ס „איין ליד פון איין וועכטער״, אין מ. באַסינ׳ס אַנטאָלאָגיע, ערשטער באַנד). אין „ליד פון איין שמש״ ווערן אויסגערעכנט אַלע ביטערע מלאכות פונ׳ם שמש אין פאַרצייטיקן שטעטל: ער מוז רופן אין שול, מוז אויפשטיין פאַרטאָג און „קלאַפּן״ צו סליחות, מוז פאַרבעטן דעם עולם אויף חתונות, מוז אכטונג געבן, אַז דער ערוב זאָל זיין גאַנץ — און זיין לוין קריגט ער דורך אַרומגיין מיט דער פושקע און שנאָרן. אַזעלכע אויסדרוקן ווי „קרומער שמש״ מיט׳ן ״קרומען שטעקן״ זיינען גוטע סימנים, אַז דער זינגער פלעגט דאָס ליד דראַמאַטיש פערזאָניפיצירן. 2) כאַפּן אַ בענטש — כאַפּן אַ פּסק; אַמאָל — אויך קריגן געבראָכן די ביינער. 3) פּעריאַלן — אימפּעריאַלן: אַ פּופּצנרובלדיקע רוסישע גילדערנע מטבע פון יענער צייט. 4) יו (יעי) — דאָס איז די עלטערע פאָרמע פון אונדזער היינטיקן „יע״. 5) דאָ האָבן מיר אַ גאַנצע חתונה־סצענע: חתן־כלה׳ס עלטערן האָבן אַרויסגעקוקט עס זאָל קומען אַ גרויסער עולם אויף חתונה, וועט פאַלן אַ סך דרשה־געשאַנק פאַר׳ן נייעם פּאָר׳ל. און אַז ס׳איז ניטאָ קיין עולם, שילט מען דעם שמש, ער זאָל זיך דערווערגן מיט דער חופּה־וועטשערע וואָס ער „עסט אומזיסט״. אַקעגן, אין סטראָף 7, האָבען מיר, ווי עס ווייזט אוים, אַן אָנצוהערעניש אויף אַ שבת׳דיקער סצענע: דער ערוב זייענדיק צעריסן, „טאָר מען ניט טראָגן״ אום שבת,

קען מען ניט אוועקנעמען דעם טשאָלנט פון בעקערשן אויוון.
דער הונגעריקער עולם שילט דאַמאָלס דעם שמש, ער זאָל
זיך דערוועגן עסנדיק. 6) האָבן מיינע פּיס ניט קיין שפּאַר —
מאַר איך ניט קאַרגן, ניט שאָנעווען מיינע פּיס. 7) נאָך אַן
איינצעלהייט וואָס מאַכט די זאַך לעבעדיק און דראַמאַטיש;
אין דעם ביינאַכטיקן חושך גייט דער שמש אַרום מיט אַ לאַמ־
טערן און קוקט אויס, וואו ס'איז אַ אידיש הויז.. 8) דער ערוב
איז אַ מין דראַטענער צאַם אַרום אידישן שטעטל אָדער קוואַר־
טאַל, געמאַכט לויט'ן דין, כדי מען זאָל „מעגן טראָגן" אום שבת.
9) דערפּאַר, אָבער. 10) מדחה זיין — אוועקשטויסן, פאַרטרייבן.

װעלװעל זבאַרזשער

(בנימין װאָלף עהרענקראַנץ)

וועלוועל זבארזשער (עהרענקראנץ) — געבארן אין זבארזש, גאליציע, אין 1812 אדער 1819, געשטארבן אין 1882 אדער 1884, אין קאנסטאנטינאפאל. ווי שוין פריער באמערקט, איז וועלוועל זבארזשער אויך געווען אן אומוואנדרנדיקער זינגער, אזוי ווי בעריל בראדער, אבער מיט א סך, א סך מער חשיבות. וועלוועל און זיינע געזאנגען פלעגן זיין זייער אנגעלייגטע געסט אפילו אין רייכע, היינטוועלטיק־אריסטאקראטישע און ליטערארישע קרייזן. ער פלעגט אויך אנשפארן אין ווייטע לענדער, למשל, אין בעסאראביע, טערקיי, א. א. וו. זבארזשער איז גלייכצייטיק געווען אי א אידישער, אי א העברייאישער דיכטער און מען קען גרינג ארויסזען פון זיינע לידער, אז אויך די דייטשע שפראך און פאעזיע זיינען אים ניט געווען פרעמד ער איז געווען א משכיל און ווערליק אזא לאזט ער זיך אין זיינע לידער אפט ארײַן אין א שפאטישער קריטיק אויף די אידישע פירונגען. עד היום דערציילט מען אים נאך פיל קונדייסישע אנעקדאטן און שטיקלאך. זבארזשער איז אויך איינער פון יענע פאלקס־דיכטער, וואס ביי דער זייט פון „דראמאטישן מאנאלאג" אדער משכיליש־סאטירישער פאעמע, הויבט ביי זיי שוין אויך אן ארויסצושפראצן דאס **ל י ר י ש ע** ליד, אזא ווי „דער עלנדער זוכט די רו".

ביבליאגראפיע: ל. ווינער 'Yiddish Literature' ש. ניגער, „די צוקונפט", 1925.

דער עלנדער זוכט די רו

זאָג מיר, איך בעט דיך, דו ווינט,
דו שוועבסט דאָך אויף דער גאַנצער וועלט,
ווייסט נישט וואו דער עלנדער זיך געפינט
צו רוען אַ ג׳צעלט,
וואו רציחות האָט אויפגעהערט,
מ׳האָט קיינמאָל נישט געקלאָגט;
וואו קיין אויג האָט נישט געטרערט,
דער גערעכטער ווערט נישט געפלאָגט? —
דער ווינט שווייגט און בלייבט שטיל שטיין,
זיפצט און ענטפערט: „ניין, ניין!"

זאָג מיר, דו טיפעס, דו גרויסעם מער, 1)
דו שטראָעמסט אַזוי ווייט
ביי דיינע אינזלען הין און הער —
ווייסט נישט ערגעץ, אין אַ זייט,
וואו דער פרומער געפינט אַ טרייסט,
צו רוען אַ זיכער אָרט,
ווייסט נישט ווי די שטאָט הייסט?
זאָג דאָס גוטע וואָרט! —
דער ים שטורימט און ברומט: „ניין,
איך האָב זאָ איין אָרט נישט געזען!" 2)

דו שיינע לבנה, מיט דיין פראַכט,
דו קוקסט דאָך איבעראַל,
ווען עס איז שטיל ביי דער נאַכט
פאַרדעקט מיט דער שוואַרצער שאַל;
דו גייסט דאָך אוים די גאַנצע וועלט
תמיד דורך די נעכט;
ווייסט נישט ערגעץ איין געצעלט,
וואו דעם גוטן איז נישט שלעכט? —

מע זעט זי אין אַ וואָלקן באַלד פאַרגיין,
זיפצט און ענטפערט: „ניין, ניין!“

זאָג זשע דו מיר, מיין זעלע פאָרט,
ליבע און האָפנונג דערנעבן,
ווי די זון גייט אויף יעדן אָרט,
וואו געפינט מען אַ רואיק לעבן,
וואו קיין שלעכטס איז נישט דערביי,
מע לעבט נאָר אין פריידן;
פון זינד און זאָרג איז מען פריי,
פון צרות און פון ליידן? —
זיי געבן אַלע איין אַנטוואָרט:
„רואיק לעבט מען אין הימל דאָרט!“

---

1) דייטש — ים 2) ווערט אין דרום־רוסלאַנד, רומעניע א. א. וו. אַרויסגערעט: „געזעין“.

די וועלט

(דער טאָן פון דעם ליד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר וועלוועל זבאַרזשער׳ס קונדייסערייען.)

וו. ז.

אוי וויי! אַ רוח אין דער וועלט,
ווען זי בענטשט און ווען זי שעלט,
ווען זי לייגט, ווען אויף די פיס זי שטעלט,
ווען זי האָט פיינט און פון ווען זי קוועלט,
ווער עס איז ביי איר נמאס און ווער איר געפעלט;
דער קלוגער, דער בריה גייט אין די הייזער,
דער שוטה, דער נאַר איז דער גאַנצער וועגווייזער.
אוי וויי! אַ רוח אין דער וועלט,
ווען זי בענטשט און ווען זי שעלט!

אוי ווייִ! אַ רוח אין דער וועלט,
ווער עס גילט היינט פאַר דעם גרויסן העלד,
ווער הייסט היינט בראַוו און קלוג,
ביי וועמען שטייט אין דאָס גאַנצע גליק,
פאַר וועמען האָט מען היינט אַלער רעשפעקט,
ווער ווערט נעבאַך פון יעדן גענעקט: 1)
אַלע גראָבע יונגען איז אַלעס גוטס באַשערט,
אַלע איידלע מענטשן ליגן גאַר אין דער ערד.
אוי ווייִ! אַ רוח אין דער וועלט,
ווער עס גילט היינט פאַר דעם גרויסן העלד!

אוי ווייִ! אַ רוח אין דער וועלט,
ביי וועמען שטייט אין דאָס גאַנצע געלט,
וועמען פאַרצערט די היץ און די קעלט,
ווער ווייסט נישט צו זאָגן פון מאַנגל און נויט,
וועמען קומט אָן ביטער דאָס טרוקן שטיקל ברויט;
קעגן אַלע גראָבע יונגען איז זי זייער מילד —
וואָס טויגן די חכמות, אַז דאָס נאַרישקייט גילט?
אוי ווייִ! אַ רוח אין דער וועלט,
ביי וועמען שטייט אין דאָס גאַנצע געלט!

1) געזוידעלט. — וו. ז.

שלום בערנשטיין

שלום בערנשטיין — געבאָרן אַרום ערשטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט, אין קאַמעניץ־פּאָדאָלסק, דרום־רוסלאַנד, געשטאָרבן צווישן די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן. בערנשטיין איז געווען שטאַרק פּאָפּולער און זיינע לידער פלעגן אָפט געזונגען ווערן. אין ליד „די בייקע“, וואָס ווערט דאָ היבשלאַך אָפּגעקירצט, שפּירט זיך אַ הויך פון דער השכלה, בשעת „די נעמרייע פרייינט“ איז אַ ביישפּיל פון דעם מאָראַליזירינדיקן גייסט פון די פאָלקס־דיכטער. אָבער ער האָט אויך מער לירישע לידער.

זע מ. באַסינ׳ס אַנטאָלאָגיע, ערשטער באַנד.

די בייקע 1) אָדער די פאַלשע האָפענונג

די וועלט איז גרויס, די וועלט איז ווייט,
דער מענטש זוכט נאָר זיין גליקס-שטערן;
די האָפענונג טרייסט אים אין דער שלעכטער צייט:
עס וועט דיר שיינען, דו וועסט אויפגעריכט ווערן.
גילדערנע בערג זאָגט זי אים צו,
טויזנטער מאַכט זי אים פון אַ גראָשן —
ווי אַ פונק־פייער אַזוי איז זי,

אַט שיינט זי, אַט לייכט זי, אַט ווערט זי פאַרלאָשן.
זי באַווייזט זיך אין געטלאַכן געשטאַלט,
זי קוויקט אים איטלאַכס אבר;
אַזוי ווערט ער גרוי, אַזוי ווערט ער אַלט,
אַזוי באַלייט זי אים אין קבר.
די שונאים זאָלן אַזוי לעבן, 2)
צי האָט מען דער האָפענונג וואָס צו גלויבן.

אַז איך בין נאָך אַ קליין קינד געוועזן,
מיט קליינעם שכל, יונג, פיין און גוט,
מיין השגה איז אויך געוועזן קליין,
קליינע צרה'לאַך האָבן שוין גענאָגט מיין בלוט.
וואָס איך האָב פאַרלאַנגט, האָב איך ניט געקריגן,
דעם קינד'ס השגה וועלכער מענטש ווייסט?
מי'האָט מיר פירגעזאָגט טויזנט ליגן,
אַ ציגעלע מיט מאַנדלען 3) איז געוועזן מיין טרייסט;
אין דער בייקע האָב איך געגלויבט,
צו דעם ציגעלע האָב איך געגלוסט;
מיט דער האָפענונג האָב איך געלעבט
און האָב געהאָפט גאָר אומזיסט.
די שונאים זאָלן אַזוי לעבן,
צי מען האָט מיר אַ ציגעלע געגעבן.

דאָס ציגעלע איז געשווינט ווי אַ חלום פאַרפלויגן,
דאָס ציגעלע האָט זיך גאָר פאַר אַ באַהעלפער
פאַרשטעלט;
די צרה האָט מיר גאָר געעפנט די אויגן,
אַז אַ רבי און אַ חדר איז דאָ אויף דער וועלט.
„גיי, שרייט די מאַמע, גיי אין חדר!
גיי, מיין תכשיט, גיי, מיין לעבן!
גיי, לערן די תורה, לערן כסדר,
אַ פייגעלע וועט דיר דער רבי געבן".
אין דער בייקע האָב איך געגלויבט,
צו דער פייגעלע האָב איך געגלוסט,

מיט דער האָפענונג האָב איך געלעבט
און האָב געהאָפט גאָר אומזיסט.

די שונאים זאָלן אַזוי לעבן,
צי האָט מיר דער רבי אַ פייגעלע געגעבן...

די כלה איז געשווינט ווי אַ חלום פאַרפלויגן,
די כלה האָט זיך גאָר פאַר אַ ווייב פאַרשטעלט;
די צרה האָט מיר געעפנט די אויגן,
אַז פון צוויי מוז דריי ווערן אויף דער וועלט.
איך בין נאָר פון אונטער דער חופה אַפיר, 4)
האָב איך שוין געהערט: „פאַרפאַלן דיין לעבן!
ווי גאָט האָט געבאָטן, לעב נאָר מיט איר,
אַ גוטע פרנסה וועט ער דיר שוין געבן".
אין דער בייקע האָב איך געגלויבט,
צו דער פרנסה האָב איך געגלוסט,
מיט דער האָפענונג האָב איך געלעבט
און האָב געהאָפט גאָר אומזיסט.

די שונאים זאָלן אַזוי לעבן,
צי האָט מען מיר פרנסה געגעבן.

מיינע אַלע יאָרן זענען ווי אַ חלום פאַרפלויגן,
די אַלע גליקן האָבן זיך פאַר דער עלטער פאַרשטעלט;
די אמונה אַליין האָט מיר געעפנט די אויגן,
אַז דעם מענטשנ'ס לעבן איז נאָר יענע וועלט.
יענע וועלט זי איז קיין קאַטאָוועס, 5)
גרייט דיך נאָר צו, ווי צו דער חופה דער חתן!
דו ווייסט דאָך, אַז צדקה תציל ממות, 6)
דאָרטן וועסטו עסן פונ'ם לויתן!"
אין דער בייקע גלויב איך באמונות,
צום לויתן גלוסט איך און גלוסט;

האָב שוין גאָט אויף מיר רחמנות,
כאָטש די האָפּענונג זאָל ניט זיין אומזיסט.
ווער זשע וויל אַזוי לעבן,
צי וועט מען מיר אַ שטיקל לויתן געבן?

1) בייקע — אַן איינרייידעניש, אַ בבא־מעשה.

2) ווערט אין דרום רוסלאַנד אַרויסגערעדט „לעיבן" און קען שוין ווי עס איז זיך גראַמען מיט „גלויבן".

3) אַן אָנצוהערעניש אויף די וויג־לידלשע פּערזן: „דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען".

4) אַרויס.

5) קיין קאַטאָוועס — קיין שפּאַס, קיין קלייניקייט.

6) אַן אַפּט געבראָויכטער שפּרוך פון תהלים און באַטייט אַז צדקה (אויך אַ גוט, אָרנטלאַך לעבן) פּאַרהיט פון טויט.

די געטרייע פריינט

צוויי הויכע ביינק
שטייען דאָרט שטאָלץ,
אויף זיי אין דער לייַנג
ליגט אַ שטיק האָלץ:

אויבן און אונטן
שטייען מענטשן צוויי
און אַ קלאָץ אַ געזונטן
צעזעגן זיי.

איך טו זיי אַ פרעג:
„זאָגט מיר באַשטימט,
וואָס זינגט עס די זעג
און דער קלאָץ וואָס ברומט?"...

„פאַרשטייסט ניט קיין זאַך,
מענטש, שטיק ליים:
דאָס איז זייער שפּראַך,
אַ סוד ליגט אין דעם... 1)

אין דעם ברומען באַשטייט
דיר מענטש אַ וואונק,
אַז פון דאַנען אַ ברעט
דינט דיר צו אַלדינג:

פון איר מאַכסטו אַ וויגל,
אַ קאַמאָדע אַ גוטע,
אַן אָרעם צו אַ שפּיגל,
אַ בעט און אַ מטה...2)

1) ווערט אין דרום־רוסלאַנד אַרויסגערעט: „דעים".
2) „די מטה" — דער קאַטאַפאַלק, אויף וועלכן מען טראָגט דעם טויטן צו דער קבורה.

מיכל גאָרדאָן

מיכל גאָרדאָן — פאָלקס־דיכטער און כאַראַקטעריסטישער מיטבילייש־סאַטירישער פּאָעט: האָט אויך עטלאַכע רייןֿלירישע לידער, ווי „מיין לעבנס־צייט“, וואָס ווערט דאַ געבראַכט. מיכל גאָרדאָן איז געווען געוואַלטיק פּאָפּולער, אַזוי, אַז זיינע לידער זינגט מען נאָך ביז היינט. געבאָרן דעם 4טן נאָוועמבער, 1823, אין ווילנאַ, האָט אָבער אַ סך יאָרן פאַרבראַכט אין דרום־רוסלאַנד. געשטאָרבן דעם 26טן דעצעמבער, 1890, אין קיעוו.

זע י. ניגער׳ס אָפּהאַנדלונג וועגן גאָרדאָנען אין דער „צוקונפט“, 1923.

די שטיפמוטער

אויפ׳ן בית הקברות, אונטער אַ מצבה,
הערט זיך ביטער אַ קול פון אַ נקבה,
דאָס שרייט א מוטער: „אָי ווי מיר, אָי ווינד,
וואָס טוט אַ שטיפמוטער מיין טייערן קינד?!

מיין גאַנצעס לעבן וואָס איך האָב פאַרבראַכט,
איז דאָס נאָר געווען אַ פינצטערע נאַכט;
מיין קינד איז מיר געווען מיין ליכט, מיין שיין.
איצט ליט עס נעבאַך גרויס צרות און פיין.

מיט בלוט פון הארצן האָב איך אים דערצויגן,
כ'האָב אים געוואַשן מיט טרערן פון מיינע אויגן;
איצט צאַפּט מען זיין בלוט, מען ברעכט זיינע ביינער,
ער שרייט, ער וויינט, עס העלפט אים ניט קיינער...

עס שטייען מענטשן פון אַרום און אַרום:
וואָס שווייגט איר אַלע, צי זייט איר שטום?
ווען אייער האַרץ איז פון אייזן און שטיין,
פון קינד'ס הייסע טרערן דאַרף עס צעגיין!

אַט זעט: די שטיפמוטער שלאָגט אים אין קאָפּ,
זי דראַפּעט זיין פּנים, בלוט רינט אַראָפּ;
זי שלאָגט אים, וואַרפט אים אויף די ערד אַנידער,
זי בייסט אים, רייסט אים, ברעכט זיינע גלידער.

ער שרייט: אָ מוטער, אָ מוטער, העלף מיר!
ווען קענסט ניט העלפן, טאָ נעם מיך צו דיר...
שטייט אויף אַלע טויטע, שטייט אויף געשווינט,
שטייט אויף אַלע טויטע, ראַטעוועט מיין קינד!

אַלע טויטע ליגן רואיק אין זייער רו;
צו גאָט'ס כסא-כבוד פלי איך באַלד צו,
פון גאָט'ס כסא-כבוד וועל איך ניט אָפּטרעטן,
ביז ער וועט דערהערן מיין שרייען, מיין בעטן...

* *
*

רבונו של עולם, וואו זענען דיינע רחמנות,
דער פאָטער ביסטו פון יתומים און אלמנות: (1
ווי קענסטו זען, ווי די מרשעת
גיסט אוים אויף מיין יתום איר גיפטיקן כעס?

מיינע יונגע יאָרן האָסטו מיר אָפּגעשניטן 2)
ביסטו מחויב מיין יתום צו היטן;
פון דיין וועלט האָב איך ניט געהאַט פאַרגעניגן,
טאָ לאָז מיך כאָטש רואיק אין קבר איינליגן...

ווי קען איך אין קבר איינליגן באַרוט,
ווען ס׳רינט מיר אַריין מיין יתום׳ס בלוט?
ווי קען איך צום גרוב צוריק זיך אומקערן,
ווען מיין גרוב איז פול מיט מיין יתום׳ס טרערן?...

* *
*

נו, שווייג שוין, מיין קינד, זיי רואיק, מיין נשמה,
איך האָב שוין געהערט פון גאָט אַ נחמה.
גאָט זאָגט: ס׳וועט זיין צו דיינע צרות אַן ענד,
ער וועט אויסלייזן דיך פון דער שטיפמוטער׳ס הענט.
די מרשעת, די שטיפמוטער, וועט גאָט באַשטראָפן
און דו מיין קינד, שווייג, צו גאָט זאָלסטו נאָר האָפן.
פאַר אַלע דיינע צרות, פאַר אַלע דיינע לייד
וועט גאָט דיר באַצאָלן מיט נחמות און פרייד.

נו, שווייג שוין, מיין קינד, וויש אָפּ דיינע טרערן,
דו זאָלסט מיך ניט מער פון מיין רו שטערן.
גאָט וועט דערפילן זיין הייליקעם וואָרט, —
נו, קען איך שוין ליגן רואיק אין מיין אָרט...״

---

1) גאָט איז דער „אבי יתומים ודיין אלמנות“ (דער פאָטער פון די יתומים און דער ריכטער פאַר אלמנות) אַ זייער אָפט געברויכטער ביבלישער שפּרוך.

2) אָפּגעשניטן די יונגע יאָרן — פרי אוועקגענומען פון דער וועלט.

דער גט

(דאָס ליד איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש סיי פאַר גאָרדאָנען אַליין און סיי פאַר זיינע חברים, די משכילישע סאַטיריקער. לויט דער פאָרמע, וועט עס דער סטודענט באַלד דערקענען אַלס „דראַמאַטישער מאָנאָלאָג”: די קליינשטעטלדיקע פרוי פון איינעם, וואָס אין דער „צעלאָזענער” דרום־רוסישער שטאָט פּאָלטאַווע איז ער אַראָפּ „פון אידישן וועג”, אַ משכיל געוואָרן, רעכנט אויס זיינע חטאים און פאָדערט פון אים אַ גט. דער הויפּט שפּאַס ליגט אין דעם וואָס די אַלט־מאָדישע אידענע מאַכט אַזאַ גרויסן געוואַלד איבער אַזעלכע קליינע עבירה׳לאַך.)

איר זייט דאָך, רבי איד, אין פּאָלטאַווע געווען,
האָט איר דאָך דאָרטן מיין מאַן געזען;
מען זאָגט, מען זאָגט — אַ חרפה אָן אַ זייט —
מען זאָגט, אַז ער איז געוואָרן פאַרשייט.

מען זאָגט: ער גייט שוין גאַנץ קורץ געקליידט,
נאָך דער גוי׳אישער מאָדע גאָר אָפּגעניידט,
ער גייט אָן אַ היטל גאַנצע טעג
און רעדט מען מיט אים, זאָגט ער: מען מעג.

ער זאָגט: מען מעג, אָט דאָס איז מיין צרה,
וואָס ער האָט געלערנט די שטיקל גמרא, 1)
אַלץ, וואָס ער טוט, זאָגט ער: מען מעג,
אַזוי גייט ער אַראָפּ פון אידישן וועג.

מען זאָגט: עס האָט שוין אַ מאָל געטראָפן,
אַז ער האָט אָן קריאת־שמע איינגעשלאָפן,
ער האָט זיך גאַנץ שפּעט דאַווענען געשטעלט
און לאַנג „והוא רחום” 2) גאָר פאַרפעלט.

ער איז געוואָרן פון די פיינע יונגען,
ער האָט ראש השנה אַ דייטש לידל 3) געזונגען,
צו תשליך האָט ער ניט געשאָקלט די פּאָלעס,
ער פאַרלייטנגערט דאָך נאָר דעם אידישן גלות. 4)

עס זאָגט מיר איינער אויף זיינע נאמנות,
אַז זיין קליין בערדל היינגט אויף סכנות,
ער הויבט שוין אָן מיט איר זיך צו שעמען,
ער טראַכט זי גאָר אַרונטערצונעמען.

זיינעם אַ פריינט האָט געטראָפן די צרות,
ער האָט מיט זיין בערדל געשלאָגן כפּרות,
האָט מיין מאַן אויף אים געמאַכט אַ ליד,
אַזוי ווי ער וואָלט עס זיין דער ערלאכער איד.

צי טאָר איך מער פאַרברייגנען די יאָרן
מיט'ן מאַן, וואָס האָט עולם הבא פאַרלאָרן?
צי וועל איך גאָר מיט אים שוין לעבן קענען?
איך וויים דאָך: ער וועט אין גיהנם ברענען.

איר פאָרט דאָך, רבי איד, קיין פאָלטאַווע צוריק,
דורך אייך קען איך האָבן מיין שטיקעלע גליק.
זאָגט דאָרטן מיין מאַן, אַז איך זיין ווייב בעט,
ער זאָל מיר דורך אייך באַלד שיקן א גט.

---

1) „ער קען לערנען“, ווייזט ער אוים מיט קונציקע (סאָפּיס־מישע) דריידלאַך, אַז וואָס ער טוט, איז גאָר קיין עברה ניט. 2) אַ רייע ערנסט־טרויעריקע תפלות וואָס מען זאָגט מאָנטיק און דאָנערשטיק. 3) אַ היינט־וועלטיק, אַן אפּיקורסיש לידל. 4) לויט'ן תלמודישן שפּרוך, אַז איבער די רשעים קען משיח ניט קומען.

מיין לעבנס־צייט

פון מענטשנ׳ס לייב בין איך אַרויס
מיט גרויס געשריי, מיט גרויס געוויין;
אָבער איצט אין דער ערד, מיין אייביק הויז,
וויל איך גאַנץ שטיל און רואיק זיין.

אַזוי ווי דורך אַן אָפען טיר
אַרויס אין גאַס פון איינגן שטוב,
אַזוי גאַנץ רואיק גיי איך מיר
אַראָפּ פון בעט אַריין אין גרוב.

אָט באַלד איז מיין קורץ לעבן אַוועק,
אָט באַלד קומט אָן זיין לעצטע שעה:
ניט לאַנג זיין אָנהויב און שוין זיין עק,
אָט ערשט געווען און באַלד ניטאָ.

מיליאָנען יאָרן זענען פאַרשוואומען
איידער איך בין אויף דער וועלט געוועזן,
מיליאָנען יאָרן וועלן אָנקומען
און איך וועל מער די וועלט ניט זען.

עס טוט אַמאָל פון ים אַ שפּריץ
אַ טראָפּן וואַסער פאַר׳ן זונען־שיין
און פאַלט געשווינט אַזוי ווי אַ בליץ
צוריק אַראָפּ אין ים אַריין.

אַזוי איז מיין קורצע לעבנס־צייט,
אַזוי איז מיין גלענצנד לעבנסגליק:
עס גייט גאָר פּלוצלונג אַרויס פון אייביקייט
און פאַלט אין אייביקייט געשווינט צוריק.

יהודה לײב גאָרדאָן

יהודה לייב גארדאן — געבארן אין ווילנא, אין 1830, געשטארבן אין פעטערסבורג (איצט לענינגראד) אין 1892. יהודה לייב גארדאן (א נאענטער קרוב פון מיכל גארדאן) איז, ביז'ן אויפקומען פון ח. נ. ביאליק, געווען פארעכנט פאר'ן גרעסטן העברייאישן פאעט פון דער נייער צייט. ער איז אויך א סך יארן, סאי מיט זיינע בייסנדיקע פאעמעס און איראנישע נאָוועלעס און סאי מיט זיין פראקטישער טעטיקייט, געווען איינער פון די גרעסטע און עקסטרעמערע פארקעמפער פון דער השכלה אין רוסלאנד. אידיש האט ער געשריבן צופאליק, אפשר אויך בלויז שפילנדיק און זיין ביכל אידישע פאעזיע (ווארשוי, 1886) טראגט טאקע דעם כאראקטעריסטישן נאמען „שיחת חולין“, עס הייסט לייכטזיניקע פלוידעריי. ס'איז ניט באקאנט, אז י. ל. גארדאנ'ס לידער זאלן האבן געזונגען געווארן ווי ס'איז כמעט אן אויסנאם געווען דער פאל מיט די אנדערע פאעטן פון דער גרופע. זיי שליסן זיך אבער דאך אן אן דער פאלקס־דיכטונג מיט זייער משכיליש־סאטירישן אינהאלט און מיט דעם ווארים־פאלקסטימלאכן טאן פון זייער שפראך און סטיל. עס דארף פארבייגייענדיק אויך באמערקט ווערן, אז אין גארדאנ'ס אידישע לידער איז פאראן א סך ווייניקער בי־טערקייט איידער אין זיינע העברייאישע שירים. דער „זמר לשמחת תורה“ וואס ווערט דא געבראכט, וואלט זיך אין יעדער הינזיכט טאקע גאנץ גוט געקענט פאסן פאר שלום בערנשטיין און פיל אנדערע פאלקס־דיכטער.

זמר לשמחת תורה

א.

לחיים, ברידער, לחיים, לחיים!
היינט זענען מיר די תורה מסיים,
היינט הויבן מיר זי אָן נאָכאַמאָל ווידער —
דרום לחיים ולשלום, ליבע ברידער!
זייט פריילאַך און דאַנקט דעם גאָט, דעם ליבן
פאַר די הייליקע תורה אויף פאַרמעט געשריבן.

ב.

די הייליקע תורה געשריבן אויף פאַרמעט
איז דאָך אונדזער טרייסט אין אונדזער אַרמוט;
אַלץ אויף דער וועלט האָבן מיר פאַרלאָרן:
דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן,
חרוב דאָס לאַנד וואו מיר זענען געזעסן,
אפילו אונדזער לשון האָבן מיר פאַרגעסן,
ניטאָ אונדזער מלוכה, ניטאָ אונדזער כהונה,
נאָר אונדז איז געבליבן אונדזער אמונה;
גאָט אין האַרצן, די תורה אין דער האַנט,
זענען מיר געגאַנגען פון לאַנד צו לאַנד,
פיל צרות געליטן, דאָך לעבן געבליבן —
דורך די הייליקע תורה אויף פאַרמעט געשריבן.

ג.

קומט, ליבע ברידער, קומט אַהער גיכער,
קומט, לאָמיר עפענען די היסטאָרישע ביכער —
וואָס דערציילט די געשיכטע? וואָס שרייבן
די קראָניקעס?
נאָר רויבער-געשיכטן, מעשות פון ראַזבאַיניקעס!(1
אונדזער געשיכטע, אַזוי גרויס ווי די ערד,
איז ניט מיט אַ פעדער נאָר מיט אַ שווערד,

ניט מיט טינט געשריבן, נאָר מיט בלוט און טרערן,
ניט אין לייפּציג געדרוקט, 2) נאָר אין גלות
דעם שווערן,
ניט אין גאָלדשניט געבונדן, נאָר אין קייטן
און אייזן.
לאָז מיר כאָטש איינער קומען און ווייזן,
וואו מען האָט אונדז ניט פאַרפאָלגט
און פאַרטריבן —
פאַר די הייליקע תורה אויף פאַרמעט געשריבן?

ד.

נאָך גאָר אין אָנהויב, פאַר גאַנץ לאַנגער צייט,
אַז מיר זענען געווען נאָך שטיקלאָך לייט,
ווי בעלי בתים אין דערהיים נאָך געזעסן
און אין פרעמדע הייזער קיין טעג ניט געגעסן,
דענסמאָל נאָך — אַך! זאָל דאָס ניט טרעפן קיינעם,
וואָס מיר האָבן אויסגעליטן פון אונדזערע שכנים,
ווער רעט שוין דערנאָך, ווי אונדזערע יאָרן!
אַז די שכנים זענען בעל בתים געוואָרן...
און מיר האָבן געמוזט ניט גערן, באונס, 3)
אַריינציען וואוינען ביי זיי אין שכנות.
ווי האָבן מיר געלעבט, ווי זענען מיר געלעגן?
— אַך, איר וואָלט שוין בעסער גאָר ניט פרעגן! —
ווי קעפּלאַך קרויט, ווי אַ הויפן ריבן — 4)
מיט דער הייליקער תורה אויף פאַרמעט געשריבן.

ה.

צוויי טויזנט יאָר, אַ קלייניקייט צו זאגן!
צוויי טויזנט יאָר געמאַטערט, געשלאָגן,
זיבן-און-זיבעציק פינצטערע דורות,
געשטאָפּט מיט צרות, געפילט מיט גזרות;
אַז איך וואָלט נעמען דערציילן יעדע גזרה,
וואָלט היינט ניט געווען שמחת תורה; 5)

נאָר דאָס דאַרף איך גאָר ניט, עס איז זייער גוט
ביי יעדן איינגעשריבן אין זיין מאַרך, אין
זיין בלוט. —
מיר האָבן אַלץ אויסגעהאַלטן, אַלץ אַוועקגעגעבן,
אונדזער געלט, אונדזער כבוד, אונדזער געזונט
און לעבן,
ווי אַמאָל חנה אירע קינדער די זיבן,
פאַר די הייליקע תורה אויף פּאַרמעט געשריבן.

ו.

און איצט איז שוין בעסער? לאָזט מען אונדז
צופרידן?
האָט מען שוין אַמאָל דערקענט אַז מיר אידן
זענען אויך מענטשן אַזוי ווי אַנדערע?
וועלן מיר ניט מער אין דער וועלט אַרומוואַנדערן?
וועט מען זיך אויף אונדז מער ניט באַקלאָגן?
דאָס ווייס איך ניט, דאָס קען איך אייך ניט זאָגן —
איינס ווייס איך: עס לעבט נאָך דער אַלטער גאָט
אויבן,
די אַלטע תורה אונטן און דער אַלטער גלויבן;
דרום זאָרגט ניט און האָפט אויף גאָט דעם ליבן
און אויף די הייליקע תורה אויף פּאַרמעט געשריבן.

ז.

לחיים, ברידער, לחיים, לחיים!
היינט זענען מיר די תורה מסיים,
היינט הויבן מיר זי אָן נאָכאַמאָל ווידער,
דרום לחיים, לשלום, ליבע ברידער!
זאָרגט ניט און האָפט אויף דעם ליבן
און אויף די הייליקע תורה אויף פּאַרמעט געשריבן.

---

1) רוסיש — מערדערישע רויבער. 2) „לייפּציגער דרוק" איז אַמאָל געווען באַרימט מיט די פיל טייערע אידישע ספרים וואָס ער פלעגט אַרויסגעבן. 3) באַוויגעס — אויס נויט. 4) „ווי א

הויפּן ריבן“ איז, נאַטירלאַך, אַז זייער „אָרגינעל“ צוגלייכעניש און וואָלט מן הסתם ניט געווען, ווען דער פּאָעט וואָלט ניט באַדאַרפט קיין גראַם צו „געשריבן“. אין דער געגראַמטער הקדמה צו זיין ביכל לידער פאַרענטפערט זיך י. ל. גאָרדאָן פאַר די רוסישע און דייטשע ווערטער וואָס ער געברויכט, טאַקע דערמיט, וואָס ער האָט זיי געמוזט האָבן צוליב'ן גראַם.
5) דאַמאָלט וואָלט, הייסט עס, דער טאָג פון פרייד פאַרקערט געוואָרן אין אַ טאָג פון טרויער.

אליקום צונזער

אליקום צונזער — געבארן דעם 28טן אקטאבער, 1840, אין ווילנא, אפ־געלעבט אסך יארן אין מינסק, אין 1889 אויסגעוואנדערט אין ניו יארק, וואו ער איז דעם 22טן סעפטעמבער, 1913, געשטארבן. פון פראפעסיע איז צונזער געווען א בדחן און לידער־זינגער, מיט אזא פאפולאריטעט, אז עס איז צו אים ממש ניט געווען קיין גלייכן. נאך איצט ווערן זיינע לידער אפט געזונגען. צונזער איז געווען דער קלאסישער־פאלקס־דיכטער, באגאבט מיט דער פייאיקייט צו מ א ר א ל י ז י ר ן אין פערזן און גראמען אויפ'ן טראדיציאנעל־פרומען אידישן שטייגער און דראמאטיש צו פערזאניפיצירן זאכן פון דער נאטור (למשל, זומער און ווינטער) און פון מענטשלאכן לעבן (דאס ליכט, די שרייב־פעדער, דאס זייגערל) און אפלערנען פון זיי א מוסר־השכל פאר'ן מענטשן. אין ליד „ר' תחנון" דראמאטיזירט ער די שול־תפלה תחנון אזוי לעבעדיק און מיט אזא חנ'עוודיקן הומאר, אז דאס ליד ווערט דורך דעם אלעמען איינ־און־איינציק אין דער אידישער דיכטונג. אחוץ די פערזאניפיצירונגען האט צונזער אויך באלאדעס און באטראכטונגען. ווערנדיק, ווי די אנדערע פאלקס־דיכטער, מיטגעריסן מיט דער השכלה, האט ער איר אויך יארן־לאנג געדינט מיט ערנסטע און, ווען־ניט־ווען, אויך מיט סאטירישע געזאנגען. אין די ערשטע אכציקער יארן, אז עס הויבט זיך אן די ציוניסטישע באוועגונג, שטייט צו איר צונזער ווארים צו און ווידמעט איר א פאר פון זיינע באליבטסטע לידער („שיבת ציון" און „די סאכע"). האבנדיק צוגעקוקט זיך אין אמעריקע, אין אנהויב פון די ניינציקער יארן, צום שווערן לעבן פון די אידישע פעדלער, האט ער דא פארפאסט זיין „צום פעדלער", וואס איז א צייט לאנג געזונגען געווארען אויף די ראגן פון אלע אידישע גאסן אין ניו יארק. לידער מיט לירישע טענער האט צונזער העכסטנס נאר עטלאכע. בלויז אין איין פונקט טיילט ער זיך אפ פון די

מייכטע אנדערע פאלקס־דיכטער — זיין שפראך איז ווייט ניט אזוי לויטער און זאפטיק ווי זייערע.

ביבליאגראפיע: „צונזער'ס אויטאביאגראפיע": י. ענטין וועגן צונזער'ן "די צוקונפט", 1920.

דאס ליד פון ר' תחנון (1

א.

ערב ראש חדש ניסן נאכ'ן דאוונען אויפ'ן שטעל
שטעלט זיך ר' תחנון אין שול ביים שוועל;
ער זעגנט זיך מיט דער שול, מיט זיין אלטער קווארטיר
אויף א גאנצן חודש ביז נאך ראש חודש איר.
„אדיע!" שרייט ר' תחנון, „איך גיי, איך ווייס ניט וואו,
וואו נאר איך קום, נעמט מען מיך ניט צו.

ב.

איך ווייס ניט פון מצה, גאט אויסהיט!
פון זרוע, פון כרפס — אויף מיין לעבן ניט;
מע פוצט אויף די הייזער, די טישן, די בעטן —
איך נעבאך טאר ניט אויפ'ן שוועל ארויפטרעטן;
פון הלל, 2) פון הגדה איז יעדער צופרידן,
נאר איך טאר ניט קומען אויפ'ן שוועל צו א אידן.

ג.

פאר דריי טויזנט יאר אז איך וואלט עס ווּסן,
אז איך וועל פון פסח גאר ניט געניסן,
וואלט איך געפינען א מיטל גאר אוים די וועלט:
איך וואלט מיר אין מצרים ביי דער ראגאטקע 3) געשטעלט
און וואלט ניט געלאזן ארוים און אריין,
ביז זיי וואלטן מיך מיטנעמען אויף יו"ט 4) צו זיין.

ד.

גלייך נאָך פּסח דינג איך מיר אַ דירה,
דאָרטן צו וואוינען כאָטשבע איבער ספירה:
דאמאָלס איז ניטאָ: „מע טאָר ניט, מע מאָג"
מע זאָגט מיך אין שול צוויי מאָל אַ טאָג —
און פּלוצלונג מע לאָכט שוין אויף תחנון׳ס מפּלה:
עס קומט אָן ל"ג בעומר און די ימי הגבלה! 5)

ה.

וואָס האָב איך דעם שבועות פאַר אַ בייז געטאָן,
אַז ער מיך אויך גאָר ניט ליידן קאָן?
עס שטייען אין פּאָלעש 6) אידעלאַך פול,
איך וואָלט וועלן אַריינגיין אין שול,
אָבער דאָ זאָגט מען אקדמות, דאָ לייענט מען רות —
פאַר דעם אָרימן ר׳ תחנון געפינט מען קיין זכות.

ו.

די שלעכטע צייט אַוועק, עס קומען אָן „דריי וואָכן",
דאָ בין איך שוין פאָרט צו אַ תכלית דערקראָכן:
מע זאָגט געשמאַק תחנון, מע זאָגט תיקון חצות! 7)
טרעפט זיך גאָר פּלוצלונג אַ ברית ביי אַ בעל הבית,
שטעלט זיך אַ מוהל און זינגט זיך די שירה — 8)
ר׳ תחנון טרעט אָפּ, ער האָט ווייטער ניט קיין דירה.

ז.

תשעה באב אין שול ר׳ תחנון קוועלט:
איך מיין, היינט, איז שוין גאָר מיין וועלט —
גיבן זיי דעם טאָג יום טוב אַ נאָמען,
האָב איך שוין ווייטער די מפּלה פון המן:
נאָך שמונה עשרה נעמט מען קינות זאָגן
אַנטלויף איך הוצאַק 9) וואו די אויגן מיך טראָגן.

ח.

איך דערלעב שוין קוים דעם אלול דעם גוטן: 10)
איך ווער שוין אין שול אַ גאַנצער מחותן —
מישט זיך אַריין אַ מעשה דערינען:
דאָס רוב חתונות טוט זיך אין אלול געפינען, 11)
צו רייך, צו אָרים, אין וואָס פאַר אַן אופן —
מוז שוין ר׳ תחנון פאַר מנחה אַנטלויפן. 12)

ט.

ראש השנה, יום כפור דאַרף מען שופר בלאָזן,
קען מען ניט ר׳ תחנון אין שול אַריינלאָזן,
בין 13) יום כפור לסוכות און סוכות ניין טעג
מוז איך שוין פאַר זיי מיידן די וועג;
פאַר'ן מחזור, פאַר הושענות געפינט מען אַן אָרט —
פאַר ר׳ תחנון איז ניטאָ ווער זאָל ריידן אַ וואָרט.

י.

ביי חברה קדישא 14) איז ט"ו כסליו אַ חוק,
צו גיין אויפ'ן פעלד, צו פאַסטן דעם טאָג:
די שול מיט פרוכתן איז דורכאויס אויסגעשלאָגן,
דער חזן דאַוונט און טוט סליחות זאָגן —
ר׳ תחנון נעמט מען גאָר אין חברה ניט אַריין;
מע האָט מורא, ער זאָל ביינאַכט צו דער סעודה 15)
ניט זיין.

יא.

חנוכה אין שול איז מיט אַ טאָלק, מיט אַ לאַד: 16)
מע זאָגט על הנסים מיט גרויס פאַראַד:
צי דאַרף איך דען ליידן פון אנטיוכוס דעם טייל,
אַז אין בית המקדש איז ניט געווען צו ברענען קיין אויל? —
מיט אַמאָל גיט אין בימה אַ קלאַפּ דער שמש,
אַנטלויף איך אַ צעטומלטער פון זיי ד׳ אמות. 17)

יב.

מן הסתם האָב איך חנוכה קנאַפּ צרות געהאַט,
אַז מע האָט נאָך צוגעגעבן חמשה עשר בשבט.
קיין שופר, קיין הלל, קיין פּיוט, קיין סליחות 18)
און איז פאַרט פאַר'ן תחנון גרעסער אין יחוס!
עס איז דאמאָלס ראש השנה 19) פאַר בוימער, פאַר פּירות,
דאַרף ליידן ר' תחנון בוימערשע עברות. 20)

יג.

אַז מע לייענט די מגילה, די מעשה פון המן,
נו, ווערט שוין ניט דערמאָנט פון ר' תחנון זיין נאָמען.
מע טרינקט, מע גיסט גאָר אָן אַ מאָס!
נעבאַי וואָלט איינער מכבד זיין ר' תחנון מיט אַ כוס!
נעבאַי וואָלט זיך איינער פאַרגעסן, פון שיכרות, ווי עס גיט,
ער זאָל זאָגן תחנון! — דאָס טרעפט אָבער ניט!

יד.

מילא פון פּורים אַז איך לייד בין איך בשמחה מלא,
איך האָב כאָטש הנאה פון המן'ס מפּלה,
אָבער וואָס איז דער יחוס מיט דעם פּורים קטן, 21)
אַז איך מייד אים די וועג, די שול אָפּגעטראָטן?
דעם חשבון פון אַן עיבור 22) ניט איך ווייס, ניט איך קען,
פון מיינטוועגן זאָל זיין ווי פאַראיאָרן איז געווען!

טו.

פונדעסטוועגן קאַפּאַיע 23) איך זיך דורך די צייט;
עס טרעפט מיר נאָך אָפּט פון דער זייט:
אין די קליינע שטעטלאך אָדער ביי גרעסטע מנינים
די קליינע יום טובים פאַרגעסן זיי די סימנים,
מיט וואָס פאַר אַ בכיות 24) מע טוט עס זאָגן!
דאָס קען דורכ'ן יאָר פיל תחנון'ס איינטראָגן.

---

1) אַ רייע תפלות אין טאָג־טעגלאַכן דאַווענען, וועלכע הויבן זיך אָן מיט'ן וואָרט „תחנוני" (טאַכאַנונאַי) — מיינע געבעטן;

די תפלות צייכענעז זיך אויס מיט א באזונדערער טרויעריקייט און געבראכנקייט. לויט'ן דין טארן די דידאזיקע תפלות ניט געזאגט ווערן אין קיין שום יום טוב, גרויסן אדער קליינעם, אלגעמיינעם אדער אפילו פריוואטן: דעם גאנצן פסח־חודש ניסן טאר דער תחנון ניט דערמאנט ווערן. 2) הלל (האלעל) — א רייע פריילאכע, גליקלאכע קאפיטלאך תהלים, וואס ווערן געזאגט אין די יום טובים. 3) ראגאטקע — א טויער אדער שלאגבוים פאר א שטאט. 4) יו"ט — די ראשי תבות (איניציאלן) פון יום טוב. 5) הגבלה (האגבאלע) — ארומגרענעצונג; די דריי טעג פאר שבועות הייסן „שלשת ימי הגבלה", ווייל דער חומש דערציילט, אז דריי טעג פאר מתן תורה האט משה רבנו ארומגעגרענעצט דעם בארג סיני, פארבאטנדיק דעם פאלק צו אים זיך צורירן. 6) פאלעש — דאס פירהויז, דער קארידאר פון שול. 7) א רייע טרויעריקע תפלות און געזאנגען, וואס באציען זיך אויף חורבן בית המקדש. 8) אינ'ם פרימארגן ווען אין שול איז א ברית, ווערן געוויסע פסוקים פון דאווענען אויסגעזונגען גאר הויך און מיט באזונדערער פרייד. 9) הוצאק — א פארגרייזט סלאווישווארט, וואס באטייט אנטלאפן; אנטלויפן הוצאק — אנטלויפן שנעל. 10) אלול, דער חודש פון זארג און טרויער איבער די זינד, הייסט טאקע דערפאר ביי אונדזער ר' תחנון'ען א „גוטער חודש". 11) נאך די טרויעריקע חורבן בית המקדש חדשים תמוז און אב, אן שמחות, קלייבט זיך אן א סך חתונות פאר'ן חודש אלול. 12) פאר מנחה — ווען עס הויבט זיך שוין אן רעכענען דער נייער חודש. 13) בין (בעין) — צווישן. 14) חברה קדישא (כעוורע קאדישע) — די חברה וואס פארנעמט זיך מיט מקבר זיין די טויטע. 15) ביינאכט נאכ'ן תענית מאכט חברה קדישא פאר זיך א סעודה; דאס איז שוין אירע א חזקה, א פריווילעגיע. 16) לאד — סדר. 17) ד' אמות (דאלעד אמעס) — פיר איילן; אנטלויפן פון אימעצן ד' אמות, ניט שטיין אין זיינע פיר איילן — ניט צוקומען צו אים נאענט. 18) פיוט אדער מחזור — ספעציעלע שול־געזאנגען אין די גרויסע יום טובים; סליחות — ספעציעלע טרויער־געבעטן אין פאסט־און טרויער־טעג. 19 און 20) דא ליגט א שיינער שפאס: חמשה עשר בשבט

איז דאָס ניי־יאָר (דער ראש השנה) פון די בוימער: ראש השנה איז אבער א יום הדין, א טאָג פון אָפּקומען פאַר זינד; גיט עס אונדזער פאָלקס־דיכטער די מעגלאַכקייט צו זאָגן, אַז חמשה עשר בשבט קומט דער אָרימער תּחנון אָפּ פאַר בוימערשע עברות. 21 און 22) איז אַן עיבור־יאָר Leap Year' ווערט, לויט די אידישע אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען, פּורים אָפּגערוקט אויף א חורש, און דער טאָג פון געזאָלט־זייענעם פּורים ווערט צום טייל אָפּ־געהיט אַלס פּורים קטן — דער קליינער פּורים. 23) קאַפּאַיען (דורכקאַפּאַיען זיך) — סלאַוויש — דורכגראָבן, דורכשטופּן זיך ווי עס איז. 24) בכיות (בכיעס) — געוויינען.

די פאַרשיידענע וועלט

א.

אײן ערד טראָגט אונדז אַלעמען אויף אירע פליגל,
אײן זון באַלייכט אָרים און רייך;
די אײן שטיקל וועלט איז גלייך ווי א שפּיגל,
נאָר אַלעמען זעט זי אויס גלייך:
פאַר דעם פרומען איז א יריד יעדער טאָג,
ער האַנדלט סחורה און שלעפּט אין הויז;
פאַר דעם אומגליקלאַכן איז די וועלט אַן אַסטראָג, 1)
ער האָפט פון איר צו ווערן לויז;
פאַר דעם גליקלאַכן איז דאָס א גאָרטן, א סאָד,
ער האָט פאַרגעניגן פון יעדער גראָז;
פאַר דעם נאַרן איז דאָס א באָד,
ער הערט א טומל און ווייס ניט וואָס;
און פאַר דעם רשע, דעם דיב, 2)
איז דאָס א שחיטה־שטוב;
דעם מילדן זעט די וועלט אויס
פּונקט ווי א חתונה־הויז;

פאַר דעם געדריקטן זעט זי אוים קלאָר
ווי די שטרייט פון די פיש דאָרט אין טייך:
הכלל, די וועלט איז איינע נאַר
און ניט אַלעמען זעט זי אוים גלייך.

ב.

פאַר דעם פרומען איז די וועלט אַ יריד:
פיל ער טוט, איז אים רק קאַרג,
ער לערנט, ער דאַוונט, קיין שלאָף נעמט אים ניט,
דען מאָרגן איז שוין נאָכ׳ן מאַרק:
ער גלויבט, אַז דער לעבן איז ערשט נאָך דעם טויט
פאַר דעם וואָס האָט גוטס מיטגעבראַכט;
און ווער עס האָט פרייטיק ניט אָנגעגרייט
ביי יענעם איז שבת די ליפן פאַרשמאַכט. 3)
דען נאָך דעם מאַרק איז שוין די קראָמען פאַרשלאָסן,
דאריבער כאַפּט ער ווי וויים ער קאָן:
די אייגענע ציצית וואָס דאַ קאָסט אַ גראָשן
קריגט ער דאָרטן ניט פאַר אַ מיליאָן;
אויף יעטווידער שטראָם וואָס עס פליט
שווייגט ער און רעט נעבאך ניט;
וואָס האָט ביי אים געלט פאַר אַ ווערד,
אַז ער דאַרף קיין קאַראָטן, קיין פערד;
ברויט מיט וואַסער אויב ער נאָר האָט,
איז ער שוין אַ גליקלאַכער איד:
הכלל, פאַר דעם פרומען, דעם דינער פון גאָט,
זעט אוים די וועלט אַ יריד.

ג.

פאַר דעם קלוגן איז די וועלט אַ חדר:
זיין רבי איז דאָס די צייט,
ספרים ליגן אים אָפן כסדר —
דאָס זיינען די מענטשן, די לייט;
אַן אָפּענער ספר איז אים די וועלט,
וואָס יעדער מענטש איז דאָרטן אַ בלאַט:

וער עס פירט גוט און וועלכער עס פעלט
און דער קלוגער לערנט עס פוןביידן דעם פשט ; 4)
ער זעט מענטשן מע לויפט, מע פליט,
דער נאָך בערלין, דער נאָך פּאַריז,
דער קלייבט קאַפּיטאַל און דאָ לעבט ער ניט ;
דער קלוגער באַרעכנט אַלץ, ווי נאַריש דאָס איז :
דער וויל ווערן רייך אין איין טאָג,
ווערט ער פאַרפוילט אין אַסטראָג ;
דער מאַכט זיין קינד פאַר אַ גביר
אויף דער עלטער צו שטיין ביי זיין טיר
און דער האָט ניט פון זיין גאַנצן אבמאַן 5)
לסוף אויף זיינע אייביקע קליידער : 6)
הכלל, פאַר דעם חכם, פאַר דעם קלוגן מאַן
זעט אוים די וועלט אַ חדר...

---

1) אַסטראָג (רוסיש) — געפיינקעניש. 2) דיב (דייטש)—גנב.
3) אַ תלמודיש ווערטל : „דער וואָס גרייט אָן ערב שבת, יענער האָט אום שבת". 4) לערנען דעם פשט (פּשאַט) — לערנען דעם זין, דעם געדאַנק פון טעקסט. (אַן אויסדרוק ביים תורה־לערנען).
5 אבמאַן (סלאַוויש) — נאַרעריי, שווינדל. 6) אייביקע קליי־דער — תכריכים.

(דאָ אויביקע איז אַ גוט ביישפּיל פון צונזער'ס פיל מאָראַליזירנדיקע באַטראַכטונגען. די זאַך איז דאָ היבשלאַך אָפּגעקירצט.)

אברהם גאָלדפֿאַדען

אברהם גאָלדפאַדען — דיכטער, שריפטשטעלער און, דער עיקר, גרינדער (סאַי מיט פּיעסן און מעלאָדיען און סאַי אַלס רעזשיסער און אונטערנעמער) פון שטענדיקן אידישן טעאַטער. געבאָרן דעם 12טן יולי, 1840, אין אַלט־קאָנסטאַנטין, דרום רוסלאַנד, געשטאָרבן אין 1908 אין נויאָרק. פיל יאָרן איידער נאָך ער איז געוואָרן דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער אידישער דראַמאַטורג, האָט גאָלדפאַדען שוין געהאַט אַ נאָמען מיט זיינע לידער און פיל פון דאָס בעסטע אין זיינע פּיעסן זיינען ווידער טאַקע זיינע לידער. נאָך פאַר זיין טעאַטער־קאַריערע פלעגט גאָלדפאַדען זיינע לידער באַזאָרגן מיט מעלאָדיען און אפשר טאַקע דערפאַר האָבן זיי שוין דאַמאָלס פאַרבלאָנדזשעט צו אייניקע ווייזן־קעלער און גאָרטן־זינגער. אחוץ מיט די ניגונים צו זיינע לידער שליסט גאָלדפאַדען זיך אויך אָן אָן די פאָלקס־דיכטער מיט דער פאָלקסטימלאַכער האַרציקייט פון זיין שפּראַך און סטיל, מיט זיינע באַלאַדעס (צום ביישפּיל „רבקה׳ס טויט“) און מיט זיין מאָראַליזירנדיקן טאָן (למשל, אין „דריי מאָל אידישקייט“ און „דער סאַמאָוואַר“).

ביבליאָגראַפיע: ב. גאָרין, „געשיכטע פון איד. טעאַטער“; ש. ניגער, „די צוקונפט“, מערץ, 1926; און דאָס „גאָלדפאַדען בוך“, אַרויסגעגעבן פון אידישן טעאַטער־מוזיי, ניו יאָרק, 1926.

אַ תּפלה

דו זיסער מלאך פון שלאָף,
וויג מיך מיט דיין לידעלע איין!
פאַרגעסן זאָל איך אין דער שטראָף;
מיט דיינע פליגעלאַך טרייב אַוועק
מיינע צרות און שרעק. —

אדוני לי,
מיט מיר ביסטו,
שיינק מיר דיין רו!
מיין נשמה נעם צו
ביז אין דער פרי —
נאָר דיר טרוי איך זי!

דו גרויסער וועכטער דאָרט אין הימל!
דיין טריי אויג איז דאָך שטענדיק וואַך,
ווען איך שלאָף און ווען איך דרימל,
היט מיך מיט דיינע קינדער גלייך! 1)
מיין נשמה איז דאָך פון דיר,
איבערנאַכט נעם זי ביי מיר!...

אדוני לי,
מיט מיר ביסטו,
שיינק מיר דיין רו!
מיין נשמה נעם צי
ביז אין דער פרי —
נאָר דיר טרוי איך זי!...

---

1) ארויסגערעט אין דרום־רוסלאנד — „גלאַד“.

שבת, יום טוב און ראש חודש

שבת, יום-טוב און ראש חודש
דאַוון איך מיר אַליין פֿאַר זיך;
איך האָב מיר אַליין מיין אָרון קודש,
עס בעט נים קיינער אין אים נאָר איך.

מיין שווער האַרץ איז דאָרט דער עמוד,
עס זעט אים קיינער נים אַרוים;
די ליבע איז דאָרטן מיין נר-תמיד...
עס ברענט — און לעשט קיינמאָל נים אוים!

דער חזן בין איך — אַלץ איך אַליין,
די צרות העלפֿן מיר ווי זינגערס מיט;
טרויריקס זינגען מיר אוים גאַנץ שיין,
פֿריילאַכס? — עפּעס גייט ביי אונדז נים!...

די האָפֿנונג הערט מען דאָרט פּירזאָגן, 1)
מען הערט זי אַרוים אויך ווען זי שוויינט!...
באַלד הערט מען זי דאָרט וויינען, קלאָגן
און די טרערן קלאַפּן צו צום טאַקט! —

---

1) פּירזאָגן — פֿאַרלייענען (סופלירן) אימעצן, ער זאָל נאָכ-זאָגן, ווי עס פּאַסירט פֿון צייט צו צייט אין שול (למשל, ווען נאָר אַ יונג יתומ׳ל דאַרף קדיש זאָגן).

מיין הייליקעס לאַנד

א.

אויפ׳ן שטיינערנעם וועג וואָס קיין בית לחם גייט,
זעט מען אַ קבר דאָרט שטיין
און פונקט האַלבע נאַכט, ווער דאָרטן נאָר שטייט,
הערט ער אַ שרעקלאַך געוויין...
מען קרעכצט, מען זיפצט: „אוי ווײ, אוי ווײ!"
דאָס איז אונדזער מוטער׳ס קול...
דאָס וויינט צו גאָט ר ח ל מיט אַ געשריי,
אירע קינדער אַז ער העלפן זאָל;
זי גייט ניט צוריק אין איר רו אַריין
ביז זי הערט ניט אַ טראָסט 1) פון דעם הימל,
ביז גאָט אַליין שלעפט זי דעמלט ניט איין
אין איר זיסן, הייליקן דרימל!...

ב.

כ׳וואָלט זען דעם ירדן, דעם הייליקן טייך,
ווי ער וויגט זיך אין זיין בלויען בעט;
אַרום אים שטייען שעפעלאַך אויסגעשטעלט גלייך
און טרינקען זיך אָן ביז אין דער זעט;
און דאָרטן ניט ווייט אויף אַ בערגעלע הויך
שפילט זיי דאָס פאַסטוכל צו;
און זיין שיינע ש ו ל מ י ת זיצט זיך דאָרט אויך
און גלעט זיין קאָפּ אויף אירע קני;
זי פלעכט אים די האָר מיט אירע פינגער ווי שניי
און דערלאַנגט אים אַ קוש אויף זיין שטערן;
און די פאַלמע בויגט שטיל אָן איר קאָפּ איבער זיי
זייער זיסן ראָמאַן אויסצוהערן!...

ג.

כ׳וואָלט געוואָלט זען ווי, פאַרטשאַדעט פון רויך,
פאַרטאָג ווען דער נעבל איז נאָך בלאָוו,

דרימלט דער אַלטער לבנון אין דער הויך
און רעט עפּעס צו זיך פון דעם שלאָף!...
וואָס חלומ'ט זיך דעם זיידן? וואָס טראַכט ער?
וואָס קלערט?
צי דאַוונט ער דענסטמאָל? צי ניין?
צי ווידערהאָלט ער דעם תהלים וואָס ער האָט געהערט
פון זיין דוד'ן זינגען אַליין? —
צי קלאָגט ער, וואָס זיינע נעסטן זענען לער
און די פייגעלאַך זענען פאַרטריבן?...
דערפאַר קרעכצט ער פונ'ם שלאָף אַזוי שווער
וואָס ער איז אַזוי עלנד געבליבן?...

1) טרייסט (פאַרדייטשט.)

רבקה'ס טויט

(דער מדרש שרייבט: אז רבקה איז געשטאָרבן, האָט מען זי געמוזט מקבר זיין ביינאַכט, כדי עשו זאָל ניט זען און וועט וועלן נאָכגיין נאָך דער מטה, וועט מען זי פלוכן, פאַר וואָס זי האָט אַזאַ זון געהאַט; יעקב איז אַנטלאָפן קיין חרן און יצחק איז געווען שוין אַלט — איז קיינער ניט נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה. א. ג.)

ס'איז נאַכט, אין הימל זעט מען ניט קיין שטערן
עס איז אַ פּחד אויף די גאַס אַרויסצוגיין;
שוואַרצע וואָלקנס גיסן דראָבנע טרערן
און דער ווינט זיפצט צו מיט אַ געוויין.

אַ מת, אַ מת, ערשט ניט לאַנג געשטאָרבן —
נאָר עטלאַכע מענטשן גייען טריט ביי טריט;
און טראָגן דעם טויט אַצונד אַ פרישן קרבן:
עס איז אונדזער מוטער רבקה — ווער קען זי ניט?

אַן אַן עולם און אַ לויה,
ניטאָ קיין מאַן, קיין קרוב און קיין פריינט,
ניטאָ קיין זון, קיין טאָכטער, קיין געטרייע
זיי זאָלן נאָכגיין נאָך דער מטה היינט!...

יעקב! יעקב! דיר חלומ'ט זיך ניט מן הסתמא,
ליגסט און שלאָפסט אין פּחד און אין שרעק;
שטיי אויף, דו יתום, האָסט שוין ניט קיין מאַמע,
אויף אייביק טראָגט מען זי שוין דאָרט אַוועק...

ניטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ געטרייע מוטער,
זי זאָל ליידן פאַר קינדער אַזאַ פּיין און שמערץ;
איר מאַמעס! וואָס אייך קומען זיך אָן קינדער ביטער,
נאָר איר קענט פילן אמת טאַקע איר הערץ...

איידער עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָג צו ווערן,
האָט מען שוין געלייגט אויף איר דעם שווערן שטיין;
שוואַרצע וואָלקן האָבן אים באַגאָסן מיט דראָבנע טרערן
און דער ווינט האָט צוגעזיפצט מיט אַ געוויין.

(דאָס ליד איז דאַ היבשלאַך אפּגעקירצט).

⟡——⟡

דריי מאָל אידישקייט

וואָס גייט דאָרט אַ גאַנצער עולם פון אידן
און פון זייער פּנים שיינט אַרויס פרייד,
איינער מיט דעם אַנדערן ריידן צופרידן
און לאַכן און שפּאַסן פריילאכערהייט?
וואוהין גייט דער עולם? וואָס איז דאָרט געשען? —
צו אַ ברית-מלה איז אַ מצוה צו גיין!...

וואָס גייט דאָרט ווייטער אַן עולם פון אידן
און טראָגן זיך עפּעס יום־טוב'דיק געקלייט,
איינער מיט דעם אַנדערן ריידן צופרידן,
זיי שמועסן און לאַכן מיט גרויס פרייד?
וואוהין גייט דער עולם? וואָס איז דאָרט געשען? —
צו אַ חופּה פירן איז אַ מצוה צו גיין!...

און וואָס גייט דאָרטן פאַר אַן עולם אידן,
פאַרכמאַרעט דאָס פּנים, פאַרזאָרגטערהייט,
הייסע טרערן זעט מען אין די אויגן זידן
און וויינען און אויקען: „אַ בראָך, אַ לייד!..."?
וואוהין גייט דער עולם? וואָס איז דאָרט געשען? —
צו אַ מת־מצוה איז אַ מצוה צו גיין!...

מ. מ. װאַרשאַװסקי

מ. מ. ווארשאווסקי — געבארן דעם 14טן נאוועמבער, 1848, אין אדעס; געשטארבן אין קיעוו, אין 1907. איינער פון די סאמע לעצטע און, אין אונדזערע טעג, דער פאפולערסטער פון די פאלקס־דיכטער. פון פראפעסיע א ן אדוואקאט, האט אבער ווארשאווסקי שטארק ליב געהאט צו פארפאסן אידי־שע לידער אין אלט־פאלקס־דיכטערישן גוסט און, צופאסנדיק צו זיי הארציקע ניגונים, פלעגט ער זיי אפט זינגען פאר א קרייז פריינט. זיינע לידער זיינען אזוי פשוט און אזוי פארשפרייט אין פאלק, אז אפט מאכן מענטשן א טעות און מישן זיי אוים מיט פאלקס־לידער. די לעצטע צייט זיינען ווארשאווסקי'ס לידער נאך מער פאפולער געווארן דורך דעם, וואס זיי זיינען אריין אין פאנאגראף. ווארשאווסקי האט העכסטנס עטלאכע לירישע לידער: די איבעריקע זיינען אדער באלאדעס (ווי „שרה און רבקה") אדער מאראליזאציעס (ווי „חד גדיא" אדער „צום באדעקנס דער כלה").

ביבליאגראפיע: שלום עליכם: „אידישע שרייבער".

שרה און רבקה

אַז איך בין געקומען קיין ראַכמעסטריווקע,
האָב איך דאָרט צוויי שיינע שוועסטער געזען:
איינע האָט געהייסן שרה, די אַנדערע רבקה, —
צוויי שיינע כלות זענען דאָס געווען.

יעדע פון זיי האט געהאט אנ׳אנדער מעלה;
דא האט זיך פארדרייט מיר דער קאפ אויפ׳ן ארט:
וועלכע פון זיי זאל איך מיר נעמען פאר א כלה.
וועלכער פון ביידע זאל איך געבן דאס ווארט? בים

אין שרה׳לעס אויגן קען מען גלייך ניט קוקן,
ווי די זון אום תמוז, אזוי שיינען זיי:
זיי שמייכלען, זיי לאכן, זיי ריידן, זיי קוויקן
דאס הארץ, אז זי טוט א קוק נאר מיט זיי.
אבער רבקה׳לעס אויגן ברענען ווי פייער,
שווארץ ווי די קוילן וואס טיף אין דער ערד:
אז זי הויבט זיי אויף, ווערט דאס לעבן טייער,
אז זי לאזט זיי אראפ — האט דאס לעבן קיין ווערט...
בים

אזעלכע ווי שרה געפינט איר ניט אין ביכלאך,
גאלדענע הענט האט זי — איר זאלט נאר זען...
זי האט אויסגעהעפט פאר זיך א פאר גאלדענע שיכלאך,
אין זיי, זאגט זי, וועל איך צו דער חופה גיין;
רבקה האט אין איין פרייטאק זיך אויפגענייט א קליידל
און שבת האט זי עס אנגעטאן צוליב מיר אין דער פרי...
גליקלאך וועט זיין דער ווער ס׳וועט נעמען אט דאס מיידל
ווער פארמאגט איר שיינקייט — קוקט אייך נאר צו!
בים

איך האב אמאל א סוד אין אויער איינגעראמט שרה׳ן —
האט זי זיך צעוויינט ווי א פיצעלע קינד.
„אקעגן וואס, פרעגט זי מיך, ביסטו געקומען צו פארן,
צו וואס האט דיך געבראכט אהערצו דער ווינט?“
אז עס האט זיך אין מיר צעשפילט די ווילדע קליפה,
האב איך רבקה׳ן איינגעראמט דעם אייגענעם סוד:
„נאר! דו ווילסט א קוש — שטעל פריער א חופה:
איך בין דיר ניט האפקע, 1) דו ביסט ניט פעדאט!“ 1)
בים

כ׳האָב געקלערט און געטראַכט און געגעבן מיר עצות,
ביז איך האָב אָוועקגעלייגט די בושה אויף אַ זייט:
אַט אַפּנים מע מוז נעמען די פיס אויף די פּלייצעס.
אַזוי האָב איך געלערנט אין דער גמרא אַ פּשט.
פון דענסמאָל אָן האָב איך מער ניט געקליבן,
נאָר שרה׳ן און רבקה׳ן געדיינק איך גאַנץ גוט...
אוי! איך בין אָן אַלטער בחור געבליבן,
אויב איך האָב חרטה, פרעגט מיך שוין ניט! ביס

1) האפּקע — אַ רוסישער ווייבערשער נאָמען; פעדאַט — אַ רוסישער מאַנסבילשער נאָמען; דער זין איז: „איך בין ניט קיין שיקסע, דו ביסט ניט קיין שייגעץ; אָן אַ חופּה — קיין קושו!“

אויף איר קבר

פון דעם ים דעם ווייטן
האָט מיך לייד געטראָגן;
כ׳בין צו דיר געקומען
דיין קבר צו באַקלאָגן...

אוי, כ׳בין אַלט, צעבראָכן,
מיד איז יעדער אבר;
פינצטער איז מיר, דינה, —
ווי ביי דיר אין קבר!

דאָרט אויף דעם בית-עולם,
אויף דעם פעלד דעם אַלטן,
האָט מען דיך געטראָגן,
האָט מען דיך באַהאַלטן...

דאָרט אַרויף, קיין דרום,
וויל איך מיך דערמאנען, 1)
צווישן אַלטע קברים
איז דיין שטיין געשטאַנען.

1) ווערט אין פיל דרום-געגנטן אַרויסגערעט — „דערמאַנען".

פֿלטיאל זאַמאָשטשין

פלטיאל זאמאשטשין — געבארן אין אדעס, אין 1851, געשטארבן אין ווין, אין 1909. זאמאשטשין איז געווען א שטארק־נאציאנאליסטישער דיכטער. אין די ערשטע צייטן פון דער ציוניסטישער באוועגונג, פלעגט מען זיינע זאכן אפט באגעגענען אין די ציוניסטישע אויסגאבן. מיט זיין טאן קניפט זיך זאמאשטשין ניכער אן אן די פאלקס־דיכטער איידער אן די שפעטערדיקע פאעטן.

דער שטיין און די כוואַליעס

למה רגשו גוים ולאמים יהגו ריק.
(תהלים ב)

קוקט אייך נאָר צו, אויב איר ווילט עפּעס זען:
סאַמע ביים ים, ווי אַ ריז אויפגעשטעלט,
פעסט פון גראַניט שטייט דאָרט אַ שטיין:
ער איז שוין אַ זקן, גאַנץ לאַנג אויף דער וועלט.

עס רוישן, עס קאָכן, עס לויפן, עס יאָגן
די כוואַליעס ביים ברעג, אין כעס סכנות;

עס שפּריצט זיי די פּינע, 1) זיי קלאַפּן, זיי שלאָגן
דעם אַלטן שטורמאַק 2) גאָר אָן רחמנות!

צום הימל דעם קאָפּ, שטום אָן אַ וואָרט,
פאַרשפּריצט, פאַרנעצט די פּיס און דאָס פּנים
גיט זיך דער העלד קיין ריר פון זיין אָרט,
מאַכט חוזק און לאַכט פון די נאַראָנים.

עס בראָט זיי, עס שטעכט זיי, די שונאים אין ים,
דאָס שטאָלץ פון דעם ריז וואָס שטייט אויסגעצויגן;
ער מאַכט זיי ניט איינג, געגוג איז זיי גראָם
נאָר ער שטעכט ווי אַ דאָרן זיי אין די אויגן!

פיל מער שוין מיט כח, שוין מלא רציחה,
שמייסן די כוואַליעס, פּאַטשן דעם שטיין;
זיי נעצן אים אונטער זיין מקום מנוחה
ווילן אויספירן גאָר ער זאָל גיין!

אַ בלאָטיקע ליים, זייער שמוציק און מיאוס, 3)
אַ זעמדל, אַ שטיינדל, וואָס ליגן ביים עק,
אַ ווילד שטיקל גראָז וואָס וואַקסט ביי די פּיס,
דאָס שלעפּן די כוואַליעס מיט נצחון אַוועק:

דער גבור, דער ריז מאַכט זיך גאָרניט דערפון, 4)
ער נעמט אין זיך איין די נעץ און די קעלט;
ער וואַרעמט זיך אוים באַלד קעגן דער זון,
שטייט ווייטער קאַלטבלוטיק, קוקט אויף דער וועלט!

1) פּינע (פּ י ע נ ע אין ווייס־רוסלאַנד)—שוים. 2) אפשר איז עס דאָס איראָפּייאישע וואָרט „שטורמאַן“ — שיף־פירער אָדער ארייננפירער; „אַלטער שטורמאַק“ — אַן אַלטינקער, וואָס איז שוין „אויסגעשטאַנען אַלערליי וועטערן“. 3) „מיס“ אין דרום־

רוסלאנד און גראמט זיך מיט: פים. 4) מאכט זיך גארניט דער־
פון — ס׳ארט אים ניט, באמערקעט עס ניט.

(ס׳איז קלאר, אז דאס ליד איז אן אלעגאריע: דער גראניט־
שטיין איז דאס אידישע פאלק, די אומזיסט קאכנדיקע כוואליעס
— די אומות.)

III

טעאטערדיק-
רעקלאמאטאָרישעס

דער רעפּערטואַר פון אידישן טעאַטער, פון זיין גרינדונג דורך אברהם גאָלדפאַדען, אין 1876, ביז צו דאָס אויפטרעטן פון יעקב גאָרדין, אין 1891, איז צום גרעסטן טייל באַשטאַנען אָדער פון אָפּערעטעס (צומייסט אויף היסטאָריש־נאַציאָנאַלע טעמעס) אָדער פון פּאָרסן — „ברייטע", פּרימיטיווע קאָמעדיעס. אין די ערשטע זיינען, נאַטירלאַך, די געזאַנג־נומערן, ד. ה. די לידער, געווען דער עיקר, אָבער אויך אין די צווייטע האָבן זיי פאַרנומען אַ גאַנץ אָנגעזעענעם אָרט. שוין אין די ערשטע האָבן (אין די מיילער פון די קאָמישע פּאַרשוינען) ניט געפעלט קיין קאָמישע לידער, וואָס מען רופט טעאַטער־קופּלעטן; אין די צווייטע האָבן זיי, נאַטירלאַך, פאַרנומען אַ פיל גרעסערן פּלאַץ. אין די ערשטע יאָרן פון אידישן טעאַטער האָט ניט נאָר אין די ערנסטע, נאָר אויך אַפילו אין די קאָמישע לידער, זיך נאָך געהערט אַ שטאַרקער אָפּקלאַנג פון דאָס האַרציקע מאָראַליזירן פון די פאָלקס־דיכטער.

אברהם גאָלדפאַדען

פלאַקער, פּייערל, פלאַקער

(פון „שולמית")

פלאַקער, פּייערל, פלאַקער,
קנאַק אונדז פריילאַך צו,
לייכט אונדז צו ביז אינדערפרי;
דער בויער רוט ביים אַקער.

דער פּאַסטוך — ביי זיינע פי,
יעדן איז ליב זיין מי.

לייגט זשע צו האַלץ! —
מיר מעגן זיין שטאַלץ,
פריילאַך טאַנצן אין קאַן;
ווייל פּאַסטעכער אליין
זענען דאָך געווען
אונדזערע אבות פון אייביק אָן!...
פלאַקער, פּייערל, פלאַקער, א. א. וו.

די גרויסע שטאָט,
שאָט אַ סך, שאָט!
דער חשק, די דאגה, דער ווייַן!
דער טריקנט דעם כח...
די דאַרט דעם מח...
דער טרייבט יונג אין דער ערד אריין!
פלאַקער, פּייערל, פלאַקער, א. א. וו.

פֿאַריאָמערט, פֿאַרקלאָגט

(פון „דאקטאר אלמאסאדא“)

פֿאַריאָמערט, פֿאַרקלאָגט,
פון זיין היים פֿאַריאָגט,
פֿאַר זיינע גרויסע זינד;
אָזוי אומעטום
בלאָנדזשעט אַרום
פון גאָט דאָס פֿאַרשאָלטענע קינד;
אַז ער זאָל אויף קיין אָרט,
ניט לאַנג בלייבן דאָרט
נאָר גיין און ניט ווערן מיד;
דערצו האָט אים
זיין טאַטע אלקים
געשטעמפּלט מיט דעם נאָמען איד;
זיין קאָפּ אָנצושפּאַרן בעט ער זיך איין;
כאָטש וויין, כאָטש שריי... „אוי וויי!“
„ניין!“ ענטפערט מען אים, מע לאָזט ניט אַריין,
„אַ איד ביסטו, גיי ווייטער גיי!“

אויף זיין ווייטן וועג
האָט ער געהאַט טעג:
עמלק האָט אים שוין דערטאַפּט
און די גרויסע שררות
מדי און פּרס
האָבן אים אויך גוט געקלאַפּט;
אין היספּאַניען, אין ראָם
האָט מען אים ווי אַ שוואָם
אויסגעקוועטשט און אַרויסגעשטעלט;
פֿאַרברענט פון היץ,

דערשלאָגן פון בליץ,
פאַרפראָרן פון שרעקלאַכער קעלט;
און ווי אין אַ טויער ער קלאַפּט נאָר אָן,
הערט ער נאָר דאָס געשריי:
„ווער ביסטו? וואָס האָסטו גאָר דאָ צו טאָן?
נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר דיר! גיי, גיי!...“

ווי קען איך זען,
אין דער פינצטער צו גיין?
איך וועל וואַרטן ביז ס'וועט אויפגיין די זון;
ביי דער לעכטיקער שיין,
קען מעגלאַך זיין,
וועט מען דערקענען מיך אויך, ווער איך בין.
איך וועל שוין, איך שווער,
ניט זינדיקן מער,
דאָס שווער איך דיר, גאָט, הייליק צו,
אָבי גיב שוין איין,
אין זינען אַריין,
די פעלקער מיר שיינקען מיין רו.
און פאַר די מלכים בעט איך ביי דיר,
זאָלסט לאָזן לאַנג לעבן זיי
און שטאַרקן דאָס הערץ צום גוטן אויף מיר,
מע זאָל מיר ניט שרייען מער: „גיי!“

יעקב גאָרדין

יעקב גארדין — געבארן אין מירגאראד, פאלטאווער גובערניע (אין אוקראינע), דעם 1טן מאי, 1853, געשטארבן אין ניו יארק, אין 1909. אנהויבנדיק אלס ראדיקאלער רוסישער שריפטשטעלער, האט גארדין, ביי זיין אנקומען קיין אמעריקע (אין 1891), זיך גענומען באטייליקן אין דער היגער אידישער סאציאליסטישער פרעסע. אין דעמזעלבן יאר האט דער בארימטער ארטיסט יעקב אדלער אויפגעפירט גארדינ'ס ערשטע פיעסע „סיביריע", דורך וועלכער ער איז ביז צו זיין טויט פארבונדן געווארן מיט'ן אידישן טעאטער און וועלכע הויבט אן א נייע עפאכע אויף דער אידישער בינע — די עפאכע, וואס ווערט געוויינטלאך באצייכנט אלס די ליטעראריש־רעאליסטישע. גארדינ'ס דראמאטישע טעטיקייט דארף איינגעטיילט ווערן אין דריי פעריאדעס: לערן־יארן (פון 1891 ביז אן ערך 1898), פאנאנדערבליאונג (פון 1898 ביז ארום 1905) און פארוועלקונג (פון 1905 ביז זיין טויט). אין דער ערשטער פעריאדע פלעגן אין גארדינ'ס פיעסן זיך נאך דורכווארפן לידער און קופלעטן. „דער אידישער קעניג ליר" איז געווען גארדינ'ס צווייטע פיעסע.

ביבליאגראפיע: ב. גארין, „געשיכטע פון איד. טעאטער"; י. ענטין, „די צוקונפט", 1909.

אַל תּירא עבדי יעקב

(פון יעקב גאָרדינ'ס „אידישער קעניג ליר")

גאָט זאָגט יאַנקעלען אַצינד:
האָב נישט קיין מורא, מיין טייער קינד! ....
עמלק, בלק, עמון און מואב
און נאָך פיל פעלקער אַסך,
איז פון אַלעם געוואָרן אַ טייך, 1)
נאָר דו, מיין איין־און־איינציק קינד,
בלייבסט מיין פאָלק אויף אימער ווי אַצינד.

דיין זיידן האָב איך אַמאָל דערציילט,
אַז דיך אַליין האָב איך מיר אויסערוויילט;
דערום האָב ניט מורא, קנעכט מיינער געטרייער,
קיין זאַך קען דיר ניט שאַטן,
קיין בלוט, קיין וואַסער און קיין פייער,
פאַרזיכער דיך אויף דיין טאַטן
און האָב ניט קיין מורא, קנעכט מיינער געטרייער...

פון דיר וועט ערשיינען איין שטערן 2)
און דיר, מיין קינד, וועט ליכטיק ווערן;
אוי, האָב זשע ניט קיין מורא, בן יחיד'ל מיינער,
געדיינק, אַז דאָס זאָגט גאָט דיינער.
אוי, וועל איך זיי שלאָגן!
אוי, וועל איך זיי יאָגן!
פאַר דיר, פאַר דיינע פּלאָגן.

---

1) ווערן אַ טייך — אומקומען, חרוב ווערן. 2) לויט דעם פסוק: „דרך כוכב מיעקב".

שלמה שמולעווימץ

שלמה שמולעוויטש, — געבארן אין 1868, אין פינסק, מינסקער גובערניע, אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע אין 1889. שלמה שמולעוויטש איז אן אומ־מיטלבארער יורש פון אזעלכע אומוואנדרנדיקע זינגער און פאלקס־דיכטער ווי בעריל בראדער און וועלוועל זבארזשער. פון קינדהייט אן פארנעמט ער זיך מיט פאבפאסן לידער מיט מעלאדיעז און מיט זינגען זיי. אין אמעריקע זיינען גאר א סך פון זיינע לידער אריין אין אידישע טעאטער־שטיקער. די זייער פאפולערע באלאדע „א בריוועלע דער מאמען“, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר פיל פון די ערנסטערע טעאטער־לידער, איז איינס פון זיי.

אַ בריוועלע דער מאַמען

א.

מיין קינד, מיין טרייסט, דו פאָרסט אוועק,
זע זיי אַ זון אַ גוטער;
דיך בעט מיט טרערן און מיט שרעק
דיין טרייע, ליבע מוטער.

דו פאָרסט, מיין קינד, מיין איינציק קינד,
אַריבער ווייטע ים׳ען,

אַך ! קום אַהין נאָר פריש געזונט
און ניט פאַרגעס דיין מאַמען...

יאָ, פאָר געזונט און קום מיט גליק
זע, יעדע וואָך אַ בריוול שיק,
דיין מאַמע׳ס האַרץ, מיין קינד, דערקוויק.

אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָלסטו ניט פאַרזאַמען ;
שרייב געשווינט,
ליבעס קינד,
שיינק איר די נחמה.
די מאַמע וועט דיין בריוועלע לעזן
און זי ווערט גענעזן.
היילסט איר שמערץ,
איר ביטער הערץ,
דערקוויקסט איר די נשמה.

ב.

דאָס אַכטע יאָר איך בין אַליין,
מיין קינד איז וייט פאַרשוואומען ;
זיין קינדערש האַרץ איז האַרט ווי שטיין,
קיין איינציק וואָרט באַקומען.

ווי קען מיין קינד גאָר האָבן מוט,
ווי גייט אים איין זיין לעבן ?
עס מוז אים גיין דאָרט זייער גוט :
הלואי ! זאָל גאָט אים געבן.

כ׳האָב אים געשיקט אַ הונדערט בריף
און ער האָט נאָך קיין שום באַגריף,
אַז מיינע וואונדן זיינען טיף.

אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָלסטו ניט פאַרזאַמען,
שרייב געשווינט,
ליבעס קינד,
שיינק איר די נחמה.
די מאַמע וועט דיין בריוועלע לעזן
און זי ווערט גענעזן.
היילסט איר שמערץ,
איר ביטער הערץ,
דערקוויקסט איר די נשמה.

ג.

אין שטאָט נויאָרק אַ רייכע הויז,
מיט הערצער אָן רחמנות;
דאָרט וואוינט איר זון — ער לעבט גאַר גרויס,
מיט געטלאַכע מתנות:

אַ שיינע פרוי און קינדער צוויי,
מיט ליכטיקע געשטאַלטן
און ווי ער זיצט און קוועלט פון זיי,
האָט ער אַ בריף דערהאַלטן.

דיין מוטער טויט, עס איז געשען,
אין לעבן האָסטו איר פאַרזען,
דאָס איז איר לעצטער וואונטש געוועז:

אַ קדיש'ל דער מאַמען,
זאָלסטו ניט פאַרזאַמען,
זאָג געשווינט,
ליבעס קינד,
שיינק איר די נחמה;

די מאַמע וועט איר קדיש'ל הערן
אין איר קבר גערן;
הײלסט איר שמערץ,
איר ביטער הערץ
דערקוויקסט איר די נשמה...

ש. א. אַנ־סקי

ש. א. אנ־סקי (שלמה ראפאפארט) — געבארן אין וויטעבסק, אין 1863, געשטארבן אין ווארשוי, אין 1921. א זייער באליבטע, מען קען זאגן: א פארהייליקטע פערזענלאכקייט אין דער אידיש־רעוואלוציאנערער און אידיש־ליטערארישער וועלט. האט אנגעהויבן זיין שריפטשטעלערישע קאריערע אלס רוסישער נאוועליסט אויף אידישע טעמעס און אלס זאמלער פון רוסישע פאלקס־לידער. שפעט אין די ניינציקער יארן, ווען אין רוסלאנד און די שכנישע לענדער הויבט זיך אן אויסבילדן א זעלבסטשטענדיקע אידיש־רעוואלוציאנערע באוועגונג, באטייליקט זיך אנ־סקי אין איר פראפאגאנדע־ארבעט מיט אידישע לידער, טעאטער־זאכלאך, א. א. וו. מיט דער צייט לאזט ער זיך אריין אין א פיל ברייטערער אידיש־קולטורעלער און אידיש־ליטערארישער טעטיקייט, שרייבנדיק גרויסע פאעמעס, אפהאנדלונגען, רייזע־בילדער א. א. וו. דערהויפט פארט ער ארום איבער שטעט און לענדער און זאמלט אן בערג מיט אידישע פאלקס־מעשות, פאלקס־לידער א. א. וו. פיל פון דעם שטאף באארבעט ער אליין, ניט ווייניק טיילט ער איין אנדערע שריפטשטעלער. אלס רעזולטאט פון זיינע זאמלונגען איז אויך געקומען זיין פיעסע „דער דיבוק“, וואס זייט 1919 גייט זי פאקטיש ניט ארא פון דער סצענע פון אידישן (אויך העברייאישן) און ניט־אידישן טעאטער, אין אייראפע און אמעריקע.

ביבליאגראפיע: דר. חיים זשיטלאווסקי, „די צוקונפט“, 1922; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

פראַדעם ליד צו לאה׳ן

(פון ש. אנ־סקי׳ס „דיבוק״)

באַלד וועט מען דיך פירן צו דער חופּה
אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזל׳דיקער שעה...
דיין מאַמע די צדקנית, גייט זיך פון גן־עדן ארוים,
פון גן־עדן ארוים,
אין גאָלד און אין זילבער אויסגעצירט.
גייען איר צוויי מלאכים׳לאך איינקעגן אוים,
איינקעגן אוים.
נעמען זיי זי פאַר די הענט,
איינער רעכטס און איינער לינקס:
— „חנה׳לע דו מיין, חנה׳לע דו פיין,
וואָס האָסטו זיך אויסגעצירט אין גאָלד און זילבער
און שיין?״
ענטפערט זיי חנה׳לע אַזוי און אַזוי:
„ווי זאָל איך זיך ניט אויסצירן? דער יום טוב
איז מיר גרוים!
מיין איינציקע טאָכטער, מיין ליכטיקע קרוין,
טוט צו דער חופה מיט מזל גיין״
— „חנה׳לע דו מיין, חנה׳לע דו פיין!
פאַר וואָס איז אויף דיין פנים לייד און פיין?״
ענטפערט זיי חנה׳לע אַזוי און אַזוי:
„ווי זאָל איך ניט טרויערן? דער יום טוב איז מיר וויי!
מיין טאָכטער צו דער חופה פירן פרעמדע לייט
און איך מוז זיך שטיין אין טרויער אָן אַ זייט...
פירט מען די כלה צו דער חופה באַלד,
גייען איר איינקעגן יונג און אַלט.

קומט אליהו הנביא און נעמט דעם גרויסן בעכער
אין האַנט...
מאַכט ער אַ ברכה אויפ׳ן גאַנצן לאַנד...

(די גאַנצקייט פון דער זאַך, סאַי מיט דער שפּראַך און סאַי מיט׳ן טאָן, צום אידישן פאָלקס-ליד, לאָזט זיך גרינג דערקענען.)

קאָמיש ליד פון האַצמאַך „דער רוח זאָל מיך נעמען"

(אין גאָלדפאַדענ׳ס „כשופמאַכערין").

די מענטשן זענען היינט פאַלש און פאַרשטעלט,
אין דער מיינונג איז יעדער פאַרשידן:
מיט׳ן מויל רעט מען גוט גאָר איינס אין דער וועלט
און אין הארצן איז מען אומצופרידן:
אייער פריינט וועט דוקא ניט זיין אַזוי פויל,
ביי זיך אין שטוב אייך שיין אויפצונעמען,
פריינטלאַך וועט ער ריידן צו-נ-אייך מיט׳ן מויל
און זיך טראַכטן: „דער רוח זאָל אייך נעמען!..."

אין בולוואַר 1) דריי איך מיך צווישן פיל הערן,
איך דערזע אָבער ניט גוט מיט די אויגן,
האָט זיך מיר געמאַכט, אַז איך האָב אומגערן
איינעם אָנגעטרעטן אויף די הינער אויגן;
„פּאַרדאָן!" — אַנטשולדיק איך מיך פאַר אים אַזוי וואויל,
„ס׳טוט אייך וויי? זאָגט, איר דאַרפט אייך ניט שעמען"
—„עט, מאַכט ניט אוים"—ענטפערט ער מיר מיט זיין מויל
און טראַכט זיך: „אוי, דער רוח זאָל דיך נעמען!..."

אַ צייט ליבט אַ מיידל אַ יונגער שאַרלאַטאַן
און האַלט זי אין איין האַלדזן און קושן;

ער זאגט איר צו, אז ער וועט זיין איר מאן
טאקע מיט חופה וקידושין;
„נו, שטעל שוין א חופה, נו, זיי ניט אזוי פויל."
בעט זי אים, „וואס האסטו זיך צו שעמען?"
„איך וועל דיך נעמען" זאגט ער איר צו מיט'ן מויל
און טראכט זיך: „דער רוח וועט דיך נעמען!..."

---

1) פארק, שטאט גארטן.

דער אינטריגאנט
קאמיש ליד פון פאפוס,

(פון גאלדפאדען'ס „בר כוכבא.)

פאפוס הייס איך!
אלעם ווייס איך.
איבעראל שטעק איך אריין די נאז —
א יואוועלן־1) הענדלער,
אויך א טענדלער, 2)
אבי צו פארדינען דאס ביסעלע מעות. 3)
בריליאנטן־שטיינער,
העלפאנט־ביינער —
חד גדיא!
פערל א שניר,
אלעם ביי מיר —
חד גדיא!
איך דינג מיך ניט: אראפ, ארויף —
חד גדיא!
און דער קונה האט א שווארצן סוף!
חד גדיא!

דינה 4) די שיינע,
מוז זיין מיינע,

עס וועט ניט העלפן אפילו קיין טאַטער —
ווער עס וועט ניט וועלן,
אים ניט געפעלן;
וועל איך אים הערן ווי דעם קאַטער.
מיט דעם איינעם אויג, 5)
וואָס מיר טויג —
חד גדיא!
מיט דעם קרומען־פּיס, 5)
צוקער זיס —
חד גדיא!
קיינער וועט מיר ניט קאָנקורירן...
חד גדיא!
און איך וועל דאָך מיינס אויספירן.
חד גדיא!...

---

1) צירונג, דימענטן. 2) גאסן־הענדלער, פעדלער. 3) (מאָעס) געלט. 4) בר כוכבא'ס כלה. 5) פאפוס ווערט פארגעשטעלט אלס קאליקע.

שמאי'ס ליד

(קאָמישער קופּלעט אין יעקב גאָרדינ'ס „קעניג ליר".)

בורא פרי הגפן. 1)

ווען עס טריקנט אוים די קוואַלן —
דאָס האָט מען אויסגעפאָרשט —
זעט מען אין די גאַסן פאַלן
מענטשן פאַר גרוים דאָרשט.
עס פלאַמט מיר אַזש מיין פּנים,
מענטשן זאָלן נישט פאַרשטיין:
זיי בעטן וואסער, די נאַראָנים,
פון אַ באַרג און פון אַ שטיין.

אַדאָ לויף איך אין מיין וויינהויז אַריין
און לאָז אוים מיין האַרץ צו דעם וויין
און מיט פאַרדראָס
הויב איך דעם כוס
און טרינק שטאַרק אומבאַרופן 2)
און מיט גרוים הבטחה,
מאַך איך די ברכה:
בורא פרי הגפן.

בורא פרי העץ 3)

אַ יונגער מאַן, אַ פיינער בריה,
פאַרשפּילט אַמאָל זיין וועלט,
מיט אַן אַלטער, אַ כאַלעריע;
וואָס איז? זי האָט פיל געלט.
מיט אַ שטעקן ברעכט זי אים די ביינער
און שעלט אים מיט קללות אָן אַ שיעור
און דער קלאָץ, אָט דער נאַר איינער,
קוקט נאָך מיט מורא זיך צו צו איר.
אַדאָ לויף איך אין מיין וויינהויז אַריין
און לאָז אוים מיין האַרץ צו דעם וויין
און מיט פאַרדראָס
הויב איך דעם כוס,
צו טרינקען פאַר דעם לץ 4)
און מיט גרוים הבטחה,
מאַך איך די ברכה:
בורא פרי העץ!

בורא פרי האדמה 5).

אַ מיידעלע גאָר אָן אַ חסרון,
יונג, שיין און פיין,
פאַרקויפט אַמאָל אירע יונגע יאָרן
צו אַ יונגן שאַרלאַטאַן;

איר אַרט ניט זיינעליידנשאַפטן,
ווייל ער איר די ליבע שווערט;
און זי וועט ביי אים, דאָס קען איך אייך האַפטן, 6)
ליגן טיף אין דר'ערד.
אַדאַ לויף איך אין מיין וויינהויז אַריין
און לאָז אויס מיין האַרץ צו דעם וויין
און מיט פאַרדראָס
הויב איך דעם כוס,
צו טרינקען פאַר איר נשמה
און מיט גרויס הבטחה,
מאַך איך די ברכה:
בורא פרי האדמה!

---

1) „דער באַשאַפער פון דער פרוכט פון וויינשטאָק" — די ברכה וואָס מען מאַכט אויף וויין. 2) אומבאַשריגן; אַן עין הרע. 3) „דער באַשאַפער פון דער פרוכט פון בוים" — די ברכה אויף פרוכט. 4) נאַר, שוטה. 5) „דער באַשאַפער פון דער ערד" — די ברכה אויף קרייטעכער. 6) קאַווירן.

ה. ד. נאמבערג

ה. ד. נאמבערג — געבארן אין 1876, אין אמשינאוו, ווארשויער גוב. איז אין זיינע ערשטע שרייבערשע יארן געווען טעטיק אויף העברייאיש, דערנאך, ווידמענדיק זיך אינגאנצען צו אידיש, ווערט ער איינער פון די אנגעזענסטע פערזענלאכקייטן אין דער אידישער ליטעראטור און פרעסע. דערהויפט איז נאמבערג באוואוסט מיט זיינע שטארק־רעאליסטישע, פסיכאלאגישע, פיין־געשליפענע נאוועלן און מיט זיינע עלעגאנטע פעליטאנען. אין זיינע אינגערע יארן האט נאמבערג אויך געשריבן לידער, א פאר פון וועלכע ווערן אפט געזונגען. נאמבערג האט אויך א שייכות צו דער אידישער בינע מיט זיין איינציגער פיעסע „די משפחה" און מיט א פאר איבערגעזעצטע פיעסן. ס'איז ניט באוואוסט, צי האט אויך זיין ליד, וואס ווערט דא געבראכט, וועלכע ס'איז אוממיטלבארע אנגעהעריקייט מיט'ן טעאטער, אבער עס קלינגט דערפון ארויס א טאן דורך וועלכן עס לאזט זיך אנקניפן אן די מער ערנסטע טעאטער־קופלעטן.

ביבליאגראפיע: בעל מחשבות, „געקליבענע שריפטן": ז. רייזען, „לעקסיקאן".

אוי-וויי און כאַ־כאַ, אוי־וויי

(קופּלעטען)

א.

אַ שאָטן איז דעם מענטשנ'ס לעבן, —
אוי יאָ! עס איז אַזוי.
ער יאָגט דאָס גליק און טרעפט דאַנעבן
און יאָגט און פאַלט, אוי,־אוי!
כאַ־כאַ! ער יאָגט און לויפט!
אוי־וויי! דאָס גליק אַנטלויפט!
די צייט
פאַרגייט;
אליין
בלייבט שטיין
דער מענטש און זעט: דער קאָפּ איז גרוי!
ער פרעגט דערשטוינט: „וואו איז דער ציל?“
און לאַכט מיט גאַל: „דער סוף פון שפּיל!“
אוי-וויי און כאַ-כאַ-כאַ, אוי,־אוי!

ב.

די וועלט איז נאַריש און פאַרדאַרבן, —
אוי יאָ! עס איז אַזוי.
זי האָט פיל האַב און גוטס דערוואָרבן
און נויט — נאָך מער, אוי,־אוי!
כאַ־כאַ! דאָס געלט באַגליקט!
אוי־וויי! די נויט דערשטיקט!
איך שעלט
די וועלט
מיט האַק
און פּאַק

און טראַכט דערביי מיר שטיל אַזוי:
און שלאָגט די וועלט זיך קאָפּ אין וואַנט,
בלייב רואיק, האַרץ! זיי קלאָר, פאַרשטאַנד!
אוי-וויי און כאַ-כאַ-כאַ, אוי-אוי!

ג.

מיין מיידל איז אַ ליד פון לידער, —
אוי יאַ, עס איז אַזוי.
אַ קרוין אַ קאָפּ, געטאָקטע גלידער
און אויגן צוויי — אוי-אוי!
כאַ-כאַ! זי לאַכט און שטיפט;
אוי- וויי! זי בייסט מיט גיפט!
איר בליק
גיט גליק,
זי קושט —
דערפרישט,
איר מילדקייט איז פרימאָרגן טוי —
דאָך שפּילט זי יעצט אויף יענעמ׳ס שוים!
זיי רואיק, האַרץ, און לאַך דיך אוים!
אוי-וויי און כאַ-כאַ-כאַ, אוי-אוי!

מיכל קאַפּלאַן

מיכל קאפלאן — געבארן אין 1882, אין טשערנאביל, קיעווער גובערניע, אין 1905 אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, וואו זיינע לידער זיינען דערשינען אין פארשיידענע אויסגאבן. אין 1910 האט ער ארויסגעלאזט א ביכל „נהעטא־קלאנגען“, באשטייענדיק צומייסט פון אידיש־אמעריקאנישע באלאדעס מיט א טרויעריק־הומאריסטישן טאן.

ביבליאגראפיע: ז. רייזען, „לעקסיקאן“; י. ע. „די נייע אידישע באלאדע“, אין ערשטן זאמל־בוך „ליטעראטור“.

ארום דער אידיש־סאציאליסטישער און ליטערארישער וועלט אין אמעריקע האט זיך אויסגעבילדעט א פארוויילונג־אינסטיטוציע, וואס האט א היבשע נאענטקייט צום טעאטער. — די מוזיקאליש־ליטערארישע קאנצערטן. אין דידאזיקע קאנצערטן פארנעמט דאס דעקלאמירטע ליד גאר א גרויס ארט. זייט עטלאכע יארצענדליק ווערן דא אויף אזא אופן דעקלאמירט לידער פון עדעלשטאט, פרוג, ראזענפעלד, באוושאווער, רייזען, יהואש, ביאליק, א. א. וו. דערדאזיקער פאקט האט ניט פארפעלט צו ווירקן אויף אייניקע אידיש־אמעריקאנער פאעטן, אזוי אז שרייבנדיק זייערע לידער, שוועבט פאר זיי א מאל פאר, באוואוסט אדער אומבאוואוסט, די עסטראדע פון קאנצערט־זאל. מאררים ראזענפעלד, למשל, האט טאקע פיל לידער זיינע באצייכנט אלס דעקלאמאציעס.

די באוואוסטע אדער אומבאוואוסטע כוונה אדער האפענונג דעקלאמירט צו ווערן קלינגט פון מיכל קאפלאנ׳ס לידער ארוים עטוואס העכער ווי פון אנדערע. (ניט אומזיסט איז זיין „צוריק אהיים“ יארן־לאנג געווען א ליבלינג אויף די מוזיקאליש־ליטערארישע קאנצערטן). ווערן דא צוויי לידער זיינע ארייננגעגעבן אלס ביישפיל פון דעם סארט פאעזיע און, מחמת דער נאענטער מחותנ׳עשאפט פון ליטעראריש־מוזיקאלישן קאנצערט־זאל מיט׳ן טעאטער — אין איין גרופע מיט די טעאטער־לידער.

ביים אָפּשייד

ווען ענדיקן וועסטו דיין לאַנגע נסיעה
און קומען בשלום אַהיים, —
דערצייל דאָרט פון אַלעם, דערצייל נאָר פון מיר ניט;
איך בעט דיך, מיך האַלט אין געהיים.

און וועט אויף מיר פרעגן מיין אָרימער טאַטע, —
דערצייל ניט ווי ס׳לעבט זיך מיר שווער;
און וועט ער דיך פרעגן וויפיל איך פאַרדין דאָ, —
דערצייל אים אין רובלס — ס׳איז מער!

און וועט אויף מיר פרעגן מיין אָרימע מאַמע, —
דערצייל ניט פון אַלץ וואָס דו ווייסט.
דערצייל איר, איך עס דאָ געבראָטנס און ווייצנס —
זי׳ט האָבן הנאה, פאַרשטייסט?

און וועט אויף מיר פרעגן מיין טייערער ברודער, —
ניט זאָג אים, איך בין דאָ אַליין.
דערצייל אים, מען קויפט דאָ „די ברידער" ניט טייער —
איך צאָל דאָ דערפאַר אין פאריין.

און וועט אויף מיר פרעגן אַ חבר אַן אַלטער, —
ניט זאָג אים, מיר ווילט זיך צוריק.
דערצייל אים חידושים פון סאָבווייַ, עלעקטרי —
ער׳ט מיינען איך באָד זיך אין גליק.

און וועט אויף מיר פרעגן רפאל דער לערער —
ניט זאָג, כ׳האָב פאַרלאָרן מיין וועג.
דערצייל אים, איך שרייב אין גאַזעטן, ער׳ט מיינען
איך שווים אַזוי זיכער צום ברעג.

און וועט אויף מיר פרעגן אַ מיידל, אַ בלאַסע, —
נו, ווייסט דאָך שוין וועמען איך מיין, —
איר מעגסטו דערציילן פון אַלעס, פון אַלעס...
נאָר זי וועט ניט פרעגן, אַ ניין;

נאָר אויפהויבן וועט זי צוויי אויגן ווי קאַרשן,
אַ קוק טאָן, אַ מילדן, אויף דיר
און וועט זיך פאַרשעמען, פאַרשאַרן אַ לאָקן...
נו, לאָז איר געריסן פון מיר.

געהערט האָב איך זאָגן, זי האָט שוין אַ חתן,
נו, ווינטש איך איר מזל אַ סך.
און זאָל איר ניט באַנג טאָן וואָס ז'האָט מיך פאַרלאָזן,
ווייל אָרים בין איך אַלץ און שוואַך.

צו שוואַך צו באַשיצן איר בליענדע יוגנד,
פון הונגער, פון נויט און פון קעלט.
פאַרשוואונדן די קרעפטן, דער ווילן און גלויבן,
פאַרשטעלט איז מיר אַלעס, פאַרשטעלט...

איך שיק איר צום אָנדיינק פון מיר אַ פּאָרטרעטל,
גענומען געוואָרן אין גאַס.
אַ איד איז געשטאַנען, געגאַרט נאָך אַ ניקל
און קאַלט איז געווען דאַן און נאַס.

נו, האָב איך דערפרייט אים. ס'אָרוים ניט געראָטן?
ס'איז שווער דאָרט צו זען מיין געשטאַלט?
אַזוי איז נאָך בעסער... זי וואָלט זיך דערשראָקן —
איך קוק אוים אַ ביסל צו אַלט...

אַ זיסער חלום

א דרעמל געטאָן האָט זיך יוסל אין שאַפּ
און ס׳ האָט זיין פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך:
פאַרגאַנגען אין טראָגן איז זינגער׳ס מאַשין,
געבאָרן אַ סטענדל... ער פילט זיך

אַזוי ווי אַ קיסר... מען שטייט אַרום אים
און אימלאַכער שטופּט אים אַ פּעני:
—דערלאַנגט מיר אַ בליישטיפט!—מיר, סעלצער אַ גלאָז!
— אַ סיגאַרעט, מיסטער, פון יענע! —

מען רייסט אים די זייטן, ער ווערט אַזש אין כעס,
ער הויבט אויף פאַמעלאַך די אויגן: —
אוי וויי, ס׳איז דער פאָרמאַן!... אים טוט אַזוי באַנג,
דער חלום, דער זיסער, פאַרפלויגן...

IV

די ליריקער

מ. ליעוו

מ. ליעוו — געבארן אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יארהונדערט. זע מ. באסינ׳ס „אנטאלאגיע“, ערשטער טייל.

מירעלע

דו זיצסט און שטריקסט א שאליכן
און קוקסט דיך גאר ניט אום
און אויף דיין שיינעם מאלעכן
שפאצירט א שמייכל אום.

דיין פנימ׳ל, דיין צורה׳לע
איז זיס און מלא חן,
נאר זאג: וואס זיפצסטו, מירעלע ?
וואס איז מיט דיר געשען ?

דו לאזסט די ארבעט־שטעקעלאך
פון דיינע הענט ארויס.
די רויז אויף דיינע בעקעלאך
וואס לעשט זיך פלוצים אויס ?

דו עפנסט אויף דאָס לאַדעלע
און זעסט אַ שיינע נאַכט: —
איך וויים, איך וויים, מיין איידעלע,
וואָס האָט דיך טריב געמאַכט...

אין הימל גלאַנצן שטערנדלאַך,
זיי גלאַנצן אָבער קאַלט;
נאָר דיינע הייסע טרערנדלאַך —
זיי ברענען אַ געוואַלד!

און דאָרטן זינגען פייגעלאַך —
דו הערסט דיך צו צו זיי;
עס פינקלען דיינע אייגעלאַך,
דיין הערצל טוט דיר ווי...

דו זיצסט און שטיקסט אַ טיכעלע,
איך וויים, אַז ניט פאַר דיר;
דיין הערצל ווי אַ ביכעלע
ליגט אָפן צינד פאַר מיר...

איך לעז אין דעם איין שורה'לע,
פיר ווערטער און ניט מער...
פאַר וואָס זשע איז דיר, מירעלע,
זיי אויסצוזאָגן שווער?

דו ביסט אַ אידיש מיידעלע,
האַלטסט ערלאַך גאָט'ס געבאָט;
אָ, וויים זשע, וויים, מיין איידעלע,
אַז ליבן הייסט אויך גאָט...

נו, הער זשע אויף, מיין מירעלע
און זיי שוין מער ניט טריב
און זאָג שוין אוים דאָס שורה'לע,
אַך זאָג: „איך האָב דיך ליב!“...

י. ל. פּרץ

יצחק לייבוש פרץ — געבארן אין זאמאשטש, פוילן, דעם 25טן מאי, 1851, געשטארבן אין ווארשוי, דעם 3טן אפריל, 1915. פרץ'ס לעבן און ליטערארישע טעטיקייט קענען ניט באהאנדלט ווערן אין עטלאכע שורות, בנוגע זיין פאעזיע קען אבער דא געזאגט ווערן דאס פאלגענדע :

הגם אלס פאעט איז פרץ ווייט ניט צווישן אונדזערע גרעסטע, ווי ער איז אלס פראזע־שרייבער, פארנעמט דאך זיין פאעזיע ביי אונדז א הויכן ארט, אי מיט איר אייגענעם ווערט, אי אויך דערמיט, וואס דא, פונקט ווי אין זיינע פראזע־שריפטן, איז ער געווען דער רבי, דער אנרעגער און וועג־ווייזער פון דעם אינגערן פאעטישן עולם. זיין אוממיטלבארער אויפטו איז דער אידישער פאעזיע קען אזוי איינגעטיילט ווערן : 1) ער האט דער ערשטער גענומען אויסטרעטן דעם וועג פון אידישן ראמאנטיזם, אנווייזנדיק (למשל, אין „מאניש") וואס פאר א פאעטיש־פאנטאסטישע שיינקייט מען קען שעפן פון אידישן שטעטל, אידישע לעגענדעס און אבערגלויבן, 2) ער האט דער ערשטער אנגעוויזן, מיט די סאטירישע טיילן פון זיינע לידער, אז דער פאעט דארף ניט נאר באנוצן זיך מיט'ן צארטן ווארט פון וואויל־קלאנג, נאר, פארקערט, אפטמאל קען ער גאר דערגרייכן דעם שטארקסטן עפעקט דורכ'ן ווארט וואס איז שפיציק־שארף, שטעכיק און שניידנדיק, 3) ער האט אריינגעבראכט אין דער אידישער פאעזיע די טענער פון אומעט און בייִנקשאפט פון דער סאמע מאדערנער אייראפייאישער פאעזיע, 4) ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס האבן צעקלונגען אין דער אידישער פאעזיע די סאציאלע מאטיוון, די מאטיוון פון פראצע און פיין און איינזאמן עלנד, וואס באלייט זיי און 5) ער האט, מיט אזעלכע

זאַכן ווי „דעם לייב׳ס לויה“ און „כסא שלמה“, אריינגעפירט די פּאָליטישע סאַטירע אין דער אידישער פּאָעזיע.

ביבליאָגראַפיע: י. ל. פּרץ, „אַלע ווערק“, פאַרלאַג אידיש, באַנד 1; ל. ווינער: 'Yiddish Literature'; ז. רייזען „לעקסיקאָן“; י. ענטין, „די זיילן פון דער נייער אידישער ליטעראַטור“, אַרויסגעגעבן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

אין דער שטילער נאַכט

אין דער שטילער נאַכט,
— קיינער הערט און זעט! —
גיסט זיך אויס מיין האַרץ, —
הערסטו מיין געבעט?

אין דער שטילער נאַכט
ליג איך אויסגעשטרעקט
און וויין... צי האָט דיך עס
אַמאָל פון שלאָף געוועקט?

(באַמערקט די אומדערוואַרטעטע פאַרענדונג פון ליד, דעם פּלוצימדיקן שטאָד דער גלייכגילטיקער געליבטע. אַזעלכע עפּיגראַמאַטיש־שטעכיקע ווענדונגען און פאַרענדונגען באַגעגענען זיך ביי מער ווי איינעם פון אונדזערע ליריקער אָבער פאַר פּרץ׳ן זיינען זיי טאַקע כאַראַקטעריסטיש).

צווישן בלומען

קאַלט קוק איך אָן
ד׳ווילד רויטן מאָן;
פאַרשייט און צעפלאַסן,
מיט פלאַמען באַגאָסן,
ווינקט ער פון צווישן די זאַנגען...

כ׳באוואונדער, ווי ס׳שיסט
צום הימל די רויז ;
עס פלאטערט איר שוים,
זי ציטערט און פליסט
מיט הארציק און דופטיק פארלאנגען !

אין איר חופה-קלייד
שטייט די ליליע-פיין ;
ווי דער פרישער שניי,
ווי דער הימל ריין...
נישט זי דאך האט מיין הארץ געפאנגען !

ס׳פארשטעקט זיך שטיל אין גראז
א בלימעלע א קליינס,
א פיינס,
א בלוי׳ס, —
און ס׳ציט מיך מיט אייזערנע צוואנגען !

(באמערקט די לעבעדיקע העלקייט פון אזא בילד ווי „פארשייט און צעפלאסן, מיט פלאמען באגאסן :“ באמערקט אויך די שארפע קלאנגען־קראפט פון אזעלכע שורות ווי : „און ס׳ציט מיך מיט אייזערנע צוואנגען !“— מיינט דא דער פאעט טאקע בלומען אדער זיי זיינען נאר א מ׳של ?)

טרויער

נאכט. א הוילער בוים אין פעלד,
איינזאם, שטום און בלינד !
און א קלאג-ליד אויף דער וועלט
בלאזט אויף אים דער ווינט !
און אויפ׳ן בוים א שווארצע קרא
זיצט און לאכט

און דאָס אַלץ זאַפּט איין זיך איין
די גרויע נאַכט!

(באַמערקט דאָ די עקאָנאָמיע פון דעם דיכטער, ער כאַפּט נאָר ארויס די הויפּט־שטריכן פון דער „גרויער נאַכט": דעם הוילן, איינזאַמען בוים, דעם קלאַנגדיקן ווינט און די קראַקנדיקע קראָ.)

דאָס יאָר

שיין איז דער פרילינג!
שיין מיט די געצויגענע,
אויף שטיקער, צויטן, פעדעם און שפּינוועבס
צעריסענע, צעקראַכענע וואָלקן און נעבל.
שיין מיט די שטילע, חנ'עוודיק שטראַלנדיקע,
בלוי פאַרשמייכלטע שטיקער הימל.
און מיט דער זון וואָס שווימט — אַ פאַרווײַנטע כלה —
פון ווייסן שלייער־נעבל אַרויס
און טוקט צוריק אונטער, פאַרשעמט.
און שיין איז דער ערשטער ציטער פון וואַלד —
פון אַ גוטן חלום, דורך אַ גוטער בשורה
געוועקט.
ער ציטערט,
וויל ווארפן אַראָפּ פון זיך די שנייענע תכריכים
און אויסברייטן ניי־אויפגעבליטע צווייגן
פאַר די געפליגלטע זינגער, וואָס קומען פון דער פרעמד.
שיין איז דאָס האָפן;
שיין איז די בשורה, וואָס טראָגט זיך אויף די לייכטע
ווינט־פליגל, איבער טאָל און באַרג,
איבער טייך און פעלד —

באַרג אָפּ, באַרג אָפּ
יאָגן, רוישנדיק, קלינגענדיק,

געשליינגלטע, טיף-בלויע וואַסער-לענטן
צווישן ווייסע, שנייענע פעלדער —
שפּיציק-גרינע, לעבנס-דורשטיקע קעפּלאַך
קוקן שוין דאָ און דאָרט פון שניי אַרויס
און פרעגן: ווען?

און עס וואַקסט דאָס האַרץ ביי דעם, וואָס האָט עס!

שיין איז דער זומער.
דער פרייגיביקער, רייכער זומער,
מיט דער פייער-פלאַמענדיקער קרוין איבער׳ן קאָפּ,
אין געוואַנט פון גאָלד און בראָקאַט
אויף די העל-געשטיקטע דיוואַנען...
פון צעפלאָסן-גאָלדיקן ים
פלאַמט אַרויס דער מאָן,
קוקן פאַר׳חלומ׳טע האָבער-אייגעלאַך שטיל —
און די שאַרע, 1) שרעקיקע, לוסטיקע פייגל
איבער׳ן ים —

פאַרטראַכט אין זיך פליסן שטיל די טייכן,
געלאַסן און זיכער גייט זייער וועג
צום ים, צום ים!
מיט׳ן בלאַנקן בלויען הימל
אין דער פאַרשפּיגלטער שוים.

ברוין געזוימטע וואָלקן אַנטלויפן פאַר דער זון,
געררויטלטע, לייכטע זילבער-נעבל יאָגן זיך נאָך
שפּילנדיק — —
דאָס פייפל הערט זיך אין וואַלד,
דאָס שניטער-ליד פון פעלד —
דעם פליסאַק׳ס 2) געזאַנג פון טייך —

אונטער דער לאַסט פון גאָלדענע עפּל
בויגט זיך דער בוים — —
ערגעץ וואו צעוויגט זיך אַ גלאָק — —
פון ערגעץ וואו קומט ציטערדיק זיין קלאַנג — —
זאָל בעטן, ווער עס האָט וואָס און ביי וועמן...

שיין איז אויך דער האַרבסט, —
ווי אַן אונטערגייענדיקע זון
אין געדיכטע פאַרבן צעפלאַקערט —

אין פלאַמען געזעגנט זיך דער וויין,
גאָלדיק זוימען זיך די בלעטער.
גינגאָלדן — די שטאַמען — —

דער טאַנץ פאַר׳ן טויט,
דער געזאַנג פון לעצטן אָטעם — —
אַ בעכער שוימענדיקן וויין
אין אַ פאַרציטערטער האַנט —
אויפגעפלאַמטע אויגן —
צום לעצטן מאָל... צום לעצטן מאָל...

זאָל טרויערן, ווער עס קאָן...
— — — — — — — — — — — — — — — —

אָם ליבסטן דאָך האָב איך דעם ווינטער —
דאָס גלאַטע, דאָס קלאָרע, דאָס אויפגעקלערטע, —
דאָס רואיקע, דאָס בריליאַנטן-בליצנדיק טויטע —

ווייס אָן אַ גרענעץ
קלאָר אָן אַ גרענעץ;
שוין נישט געהאָפט,
שוין נישט געשראָקן,
נישט געדיינקט,
נישט פאַרלאַנגט,

נישט געלעבט און נישט געליטן...
קאַלטע, בלאַנקע, שטילע רו...

1) סאַרע, גרויע. 2) פליסאַק — דער פליטן־טרייבער.

(מיר האָבן דאָ אַ שטימונגפולע אָבער איינגעהאַלטענע שילדערונג פון די פיר צייטן פון יאָר, נישט די רווישנדיקע אַנטוויקלונג פון דער יוגנט נאָר דעם שטילן גענוס פון געזעצטקייט.

איבערגעבנדיק די שטריכן פון יעדער צייט, לייענט פון זיי דער דיכטער אַרויס די באַזונדערע שטימונג פון דער געוויסער תקופה: פון פרילינג — פאַר־שעמטקייט, ציטעריקייט און האָפענונג; פון זומער — נעדיכטע פאַרטראַכט־קייט; אונטערגאַנג און נסיסה — פון האַרבסט; דערגרייכטע רו — פון ווינטער.)

פאָלקס־מאַטיוו

שטיינערנע פּאַלאַצן,
אייזערנע באַלקאַנען,
טרעפּ פון ווייסן מאַרמאָר,
גאָלדענע סאַלאָנען.

קריסטאַל'נע זשיראַנדאָלן 1)
בלאַנקען דורך די שויבן...
דאָרט וועט מיין געליבטער
זיך אַ כלה קלויבן.

זיך אַ כלה קלויבן,
שענער און געזינטער...
און איך וועל דאָ פוילן
ווי אַ בלאַט אין ווינטער...

1) קאַנדעליאַברעס, הייננ־לייכטער.

(דער שטאַרקער עפעקט פון „פאָלקס־מאַטיוו“ נעמט זיך צום גרויסן טייל פון זיין ניט־דערזאָגטקייט: בלויז אין פערז „שענער און געזינטער“ איז דאָ, אי דאָס ניט קיין צו הויכער, אויסרייד דעם אומטרייען געליבטן.)

דריי נייטאָרנס

די אויגן רויט, די ליפּן בלוי,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויים!
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און היים — —
עס זיצן דריי מיידלאַך און נייען!
— — — — — — — —

די נאָדל — בלאַנק, די לייוונט — שניי
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי.
איך ניי בייטאָג, איך ניי ביינאַכט,
קיין חופה-קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס? — איך ניי...

נישט איך שלאָף און נישט איך עס...
איך וואָלט געגעג'ן 1) אויף מאיר בעל-נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט:
אַן אלמן כאָטש, אַן אַלטן איד,
מיט קינדערלאַך אַ שאָק!
— — — — — — — — — — — — — — —

די צווייטע טראַכט: איך ניי און שטעפּ
און שטעפּ מיר אויס נאָר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייף — זי האַקט
און די מאַשין — קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ-טאַ, טאַ-טאַ, טאַ-טאַ!

איך פאַרשטיי דאָך יענעמ'ס וואונק!
אַן אַ חופה, אַן אַ רינג
וואָלט געווען אַ שפּיל, אַ טאַנץ,

אַ ליבע אויף — אַ יאָר אַ גאַנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?

— — — — — — — — — — — — — —

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
„איך ניי מיך קראַנק, איך ניי מיך בלינד.
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך...
און ער — האָט חתונה די וואָך!
איך ווינטש אים ניט קיין שלעכטס!

עס, פאַרגעסן וואָס אַמאָל!...
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!

---

1) געגעבן.

(דער געוואַלטיקער רושם פון די „דריי נייטאָרנס" — איינס פון די שטאַרקסטע אַרבעטער־לידער — דאַרף הויפּטזאַכליך צוגעשריבן ווערן צו זיין פולשטענדיקער דראַמאַטישקייט: דער דיכטער לאָזט די דריי מיידלאַך ריידן פאַר זיך אַליין. די דריי מיידלאַך זיינען דריי באַזונדערע טיפּן: די פאַרזעסענע, וואָס גאַרט חתונה צו האָבן מיט אַבי־וועמען; די נאַר־יונגע, אָרום וועלכער די יונגעלייטלאַך „דרייען זיך נאָך אַרום": די אָפּגענאַרטע און מיד־פאַרצווייפלטע. מערקט, אַז כאָטש דער מאָטיוו איז אַן אַל־מענטשלאַכער, האָט אָבער פּרץ פאַרשטאַנען, דורך אַזעלכע איינצעלהייטן ווי „איך וואַלט געג'ן אויף מאיר בעל־נס" און „תכריכים וועט מיר געבן קהל", אים אידישלאַך דורכצופאַרבן. — כדאי צו פאַרגלייכן דאָס ליד מיט פּרץ'ס „ביי דעם פרעמדן חופּה־קלייד" און געפינען די שייכות צווישן די צוויי פּאָעמעס).

מאָניש

(אויסצוגן)

„מאניש“, פרץ'ס ערשטלינג אויף אידיש (דערשינען צוערשט אין שלום עליכם'ס „פאלקס־ביבליאטעק“, אין 1886) האט גלייך צו אים צוגעצויגן פיל אויפמערקזאמקייט, כאטש ער האט שוין פריער געהאט געשריבן לידער און דערציילונגען אויף העברייאיש. (פרץ'ס אנגעזעענע פאזיציע אין דער העברייאישער ליטעראטור איז א קאפיטל פאר זיך.) פרץ אליין האט „מאניש“ באצייכנט אלס באלאדע, ער האט אבער נאך באדארפט צולייגן, אז דאס איז א ס א ט י ר י ש ע באלאדע; אין אמת'ן ווארפט זיך דא אונדזער דיכטער צווישן צוויי מאטיוון — ראמאנטישע אנטציקונג און שטע־כיקער שפאס. געוויינטלאך ניט ער ארוים זיין ראמאנטיש געמיט אין דער לאנגער שורה, מיט'ן איידעלן, וואויל־קלינגענדיקן ווארט, בשעת זיין סאטיריש געמיט דריקט ער אוים אין דעם קורצן, אפגעהאקטן פערז און דעם שארפן, כמעט גרילצנדיקן ווארט. אבער דער כלל האלט ניט אלע מאל אוים: ניט זעלטן פאלן די צוויי שטראמען אריין איינס אין דאס צווייטע. פרץ'ס חוזק, דא ווי אין פיל פון זיינע פראזע־שריפטן, איז א צווייענדיקער: ער סאטיריזירט דאס לעבן בכלל און נאכמער שפאט ער משכיל'יש פון אידישן לעבן. (אין די 80ער יארן זיינען די השכלה־אפ־קלאנגען נאך ניט געווען אויסגעשאלט און די השכלה'שע מאדע צו חוזק'ן פון אידישן לעבן איז ניט געווען נאך אינגאנצן אוים.

„מאניש„ ווערט דא א היבש ביסל אפגעקירצט, דערהויפט מחמת טעכ־נישע טעמים. עס ווערן דא אויסגעלאזט די אפט־ציטירטע פערזן וועגן אידיש און וועגן ליבע ביי אידן: עס ווערן אויך אויסגעלאזט אנדערע פערזן, וואס וואלטן געפאדערט צופיל אפטייטשונגען און דערקלערונגען. אויך ווערן דא איבערגעשטעלט א פאר פון די ערשטע טיילן — כדי איינגער צו פארבינדן דעם ספור המעשה.)

איר ווייסט — מן הסתם —
די וועלט איז א ים,
מ י ר זענען פיש!
(טייל זענען העכט,
שלינגען ניש'־שלעכט...
זאגט, אפשר ניש'?)

די וועלט איז אַ ים,
ברייט אָן אַ שיעור;
די פיש זענען מיר,
דער פישער איז ס״ם... 1)

* *
*

אין אַ שיינעם מאָרגן
קלינגלט עס שטאַרק:
עס ציטערט די תבה, 2)
עס צאַפּלט דער באַרג. 2)

עס שפּרינגט שיר סמאל
אַרויס פון׳ם בעט,
„אַריין!״ עס באַוויייזט זיך
דערשראָקן אַ שד.

מיטגעבראַכט האָט ער
אַן עקסטרא־„ראַפּאָרט״,
קוים וואָס ער שלוקערצט
אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:...

„אין קעניגרייך פּוילן,
האַרט ביי דער גרענעץ,
ליגט זיך אַ שטעטעלע
גרויס ווי אַ גענעץ.

„און קוים וואָס מען זעט עס,
מען הערט עס אויך זעלטן;
הייזלאַך ווי ניסלאַך,
פון שמות 3) געצעלטן...

„אינגאַנצן אַ צענדליק,
צו ציילן אויף פינגער!
עס בייסן די ציגן
די דעכער פאַר הונגער!

„און שטיל ווי אַ קברות,
מענטשן ווי מתים.
קיין גאוה, קיין תאוה,
מע׳ לעבט פון תעניתים;...

„צינד וואַקסט נאָך אַ גאון!
וואָס וועט נאָך פאַרשעמען
גאַנץ פּוילן און ליטא
און זאַמוט 4) און בעהמען.

„און לאָזטו אים וואַקסן
און לאָזטו אים פריי,
ביסטו — חלילה! —
הוד מלכות, 5) פאַרביי!

„האָסטו פאַרלאָרן
גאַנץ פּוילן און ליטא...
איז — חס ושלום! —
אַן עק פון נישט גוטע;

„וועט ער אונדז יאָגן
מיט שרעקלאַכן האַס
און ברייַנגען משיח׳ן —
חלילה וחס!“

דער ימח-שמו 6)
ווי ר׳האָט עס דערהערט —
איז אים די שמחה
געוואָרן געשטערט.

ליגט ער און טראַכט
טאָג אַזוי נאַכט
און רייבט זיך און רונצלט דעם שטערן:
— ג׳וואַלד! לילית קרוין!
אַן עצה גיב! שוין!
אַזוינס קאָן די וועלט איבערקערן!

— די נוס איז הארט!
נאַר, מיין מאַן, וואַרט,
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין,
נצחון איז זיס!
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אַליין.

* *
*

מאַניש איז אַ וואוילער יונג,
ר׳האָט אַ קעפּל פייער-פלינק,
אָנגעפילט מיט תורה!
טרעפט אויך באַלד אַריין אין קאַרב, 7)
מעג דער רמב״ם זיין ווי האַרב!
און דערצו נאָך אַ בעל קורא! 8)

און אַ שיינער יונג — אַ פּראַכט!
שוואַרצע לאָקן ווי די נאַכט
קאַרמען ליפּן — רויזן צוויי!
שוואַרצע ברעמען ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלויע אויגן
און אַ פייער ברענט אין זיי!

יעדעס ביינדל אין אים לעבט
און ער גייט נישט, נאָר ער שוועבט;
אָנצוקוקן איז אַ פרייד!
מיידלאַך ווערן רויט און בלאַס.

אַז ער ווייזט זיך אויף דער גאַס,
אַז דער שיינער מאַניש גייט!

ד׳יונגע רבי׳צן אין חדר
זיצט אַ גאַנצן טאָג כסדר,
הערט מכלומרשט, ווי מע׳קנעלט!
ס׳לויפט די יויך, די מילעך 9) ברענט
און זי זיצט פאַרלייגט די הענט,
קוקט אויף מאַניש׳ן און קוועלט!

און דער שכנה — שיינע האָדל
פאַלט פון האַנט אַרוים די נאָדל,
לאָזט זיך אונדזער מאַניש הערן!
עס פאַרפעלט איר אָטעם, דאָך 10)
און עס גיט אין האַרץ אַ שטאָך
און — עס קאַפּען הייסע טרערן...

* * *

טראַ—ראַ—ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
צי האָט נישט דאָרט עמיץ
משיח׳ן געזען?...

וואָס בלאָזט עס און פייפט
וואָס דונערט און קנאַלט?
צי פּלאַצן די דעמבעס
און סאָסנעס אין וואַלד?

עס פייפט און קנאַלט,
עס זעצט און עס קנאַקט...
עס יאָגט אַן עקסטראַ־
פּאָסט פון טראַקט!

אַך, ווער האָט אַזאַ
קלינגען געהערט?
עס פליען ווי רוחות
נאַשפּיץ 11) די פערד!

עס קלינגען די גלעקלאַך
וואָס אַמאָל פרייער!
עס שפּריצן די פּאַדקאָוועס
פונקען און פייער.

עס שליינגלט זיך, קנאַקט
אַן רחמים די בייטש!
מען שטייט מיט אָפענע
מיילער: וואָס טייטש?...

אויסגעלאָזט האָט זיך
די מעשה גאָר פּראָסט:
אַ דייטש 12) איז געקומען
פון דאַנציג מיט פּאָסט!

מיטגעבראַכט האָט ער
גאָר אוצרות מיט געלט!
גיין וועט אַ מסחר!
זיין וועט אַ וועלט!...

הויבן אָן האַנדלען
די שוחטים... דינים...
עס לויפן, עס קויפן
מלמדים, בטלנים...

אַך, ווער געדיינקט
אַזאַ גאָלדענע צייט?
מען טראָגט אין דער וואָכן
נאָר אַטלעס און זייד!

און חתונות מאַכט מען
טאָג-טעגלאַך כסדר:
באַוואָרפן די שניידער
מיט חתונה-קליידער.

עס זענען אָן הענט שוין
די קלעזמער געבליבן,
די חופה צעריסן,
די שטאַנגען צעריבן.

עס האָט שוין דער בדחן
קיין כח צו לאַכן;
מען קריגט שוין קיין וואַקס נישט
הבדלות צו מאַכן...

נאָר דער דייטש האָט מיטגעבראַכט
אַ בת יחיד׳לע אַ פּראַכט:
גאָלד׳נע לאָקן ביז די פּיס!
אויגן בלישטשען ווי די שטערן
און אַ קול — אַ פרייד צו הערן!
און אַ שטימע — צוקער־זיס!

און זי גייט נישט נאָר זי שפּרינגט
און זי רעט נישט נאָר זי זינגט,
פריילאך, לוסטיג טאָג און נאַכט!
און לאָזט אַרוים איר קול מאַריע,
העלפּט דאָס גאַנצע הויז איר צו,
קנאַקט פאַר לאַכן ווען זי לאַכט!...

און אַז מאָניש גייט כסדר
יעדן מאָרגן פרי אין חדר,
בלייבט ער שטיין ביים טויער...
דאַמאָלט זינגט אַ פּראַכט מאַריע
און איר טרעלן־מעלאָדיע
דרינגט אים טיף אין אויער!

עס דרינגט אריין אין האַרץ אים טיף!
און אויפ׳ן אייגענעם מאָטיוו,

מיט דער זעלבער מעלאָדיע,
זינגט דערנאָך ער די גמרא
און איז מטעים יעדע סברא 13)
דרייט נאָך מיט'ן פינגער צו!

נאָר אַ שוויים ליגט אויפ'ן שטערן
און די אויגן — פייכט פון טרערן
און דאָס פּנים בלאָס ווי קרייד.
דער רבי זיינער זיצט פאַרצוקט,
ס'שטייט די רבי'צן און קוקט:
„אוי ווער ווייסט, וואָס דאָס באַטייט!...“

* * *

עס זעט דאָך די מוטער,
ווי מאָניש פאַרשווינט;
זי שרעקט זיך און פרעגט אים:
„וואָס איז דיר, מיין קינד?

וואָס לאָזט זיך דיין קול
אַזוי וויינענדיק הערן?
וואָס האָסטו אין ד'אויגן
נאָר טרערן און טרערן?

וואָס ביסטו אַזוי בלאָס,
מיין איינציקעס קינד?
ווער האָט דיך פאַרלאָשן,
זאָג, וואָס פאַר אַ ווינט?...

אָן אַן עין-הרע,
געזונט זיי און שטאַרק,
דו פלעגסט דאָך צו 14) זינגען
פונקט אַ קאַנאַר'ק...

היינט זינגסטו גאָר אַנדערש,
היינט זינגסטו ניש' גוט,

עס קלעמט מיר דאָס הארץ צו,
עס קילט מיר דאָס בלוט...

— — — — — — — — — — — — — —

— צי ווייס איך דען, מאַמע
וואָס ס׳זינגט דאָרט אין מיר?
איך ווייס נאָר, אין הארץ איז
גאָר אנדערש ווי פריער!

איך ווייס נישט, וואָס ס׳איז מיר,
עס נאָגט דאָך אין הארץ;
און פלוצלונג פאר ד׳אויגן
ווערט פינצטער און שווארץ...

און אָטעם פארפעלט מיר,
ס׳איז איינג אין דער ברוסט;
איך וויל זיי פארהאלטן,
די טענער, — אומזיסט!

זיי פליען ווי פייגל
ארוים פון א נעסט...
און — אזוי זינגט זיך...
אָט ווי דו זעסט!...

* *
*

אינ׳ם שטעטל איז געוועזן
פון קדמונים א מפולת: 15)
דאָרטן פלעגן לצים וואוינען,
מוזיצירן, מאכן קולות.

קרייען, מיאוטשען, קוויטשען, בילן,
אָדער סווישטשען ווי דער ווינט;
אויפ׳ן דאך גייט אויף דער וואך
ארום אן אלטער, שווארצער הונט!...

ווייבער, מענער, אידן, קריסטן
ווייכן לאַנג די גאַנצע גאַס;
און מיט הויכע גראָז באַוואַקסן
שטייען הייזלאַך פּוסטע-פּאַס!

דאָרט ביינאַכט באַווייזט זיך מאַניש,
צו דער חורבה גייט ער צו;
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ ווי ביי אַ גזלן:
דאָרט וואַרט אויף אים מאַריע!...

טויזנט גרילן, טויזנט שפּינען,
פלעדער-מייז און איילן 16) הערן
זייער זינגען, לאַכן, קושן,
זייער קושן, האַלזן, שווערן...

און ער שווערט איר ביי די ציצית,
ביי די פאות, ביי די תפלין
און ביי שופר של משיח...
— זאָג וואָס נאָך? אום גאָטעס ווילן!..."

אויף איר ליפּל שפּילט אַ שמייכל
און די אויגן אירע גלאַנצן
און זי בעט זיך: „ווייטער, ווייטער!"
זי וויל זיכער זיין אינגאַנצן!...

און ער גרייפט אַלם העכער, העכער,
האָט גאָט׳ס נאָמען אויסגערופן!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

פונ׳ם הימל קנאַלט אַ דונער;
פון גיהנם פונ׳ם טיפן

אַ געלעכטער, אַ געראָודער,
און פון שוועבל יאָגט אַ ריח

און ער פליט שוין „פּאָד קאַנוואָיעם“ 17)
אויף אַ בעזעם 18) אין דער הויך.

אויפ'ן באַרג אררט דאָרטן
איז אַ לעבן, אַ געפּילדער:
ס'איז אַ באַל דאָרט אין דער תיבה
און אַ שרעקלאַכער, אַ ווילדער!

און די קעניגן איז לילית!
אין די אויגן האָט זי בליצן;
און סמאל טראָגט איר לאַנגע
שלעפּ מיט בראַבאַנדער שפּיצן.

— — — — — — — — — — — — —

אין דער טיר דאָרט שטייט געשלאָסן
אונדזער מאָניש אויף אַ קייט...
און מען לייגט שוין אָן אַ פייער
און די שפּיז איז צוגעגרייט!

---

1) סמאל, דער שטן, דער אשמדאי. 2) קאַסטן. אין עטלאַכע אויסגעלאַזענע פערזן ווערט דערציילט, אַז סמאל און לילית האָבן זייער „רעזידענץ“ אין נח'ס קאַסטן, וואָס איז נאָכ'ן מבול איבערגעבליבן אויפ'ן באַרג אררט. 3) שמות — אויסגעפליקטע בלעטער פון אַלטע ספרים. 4) אַ געגנט לעבן ליטא, וואָס איז אַמאָל געוועזן אַ באַזונדערע מדינה; דער דיכטער רעכנט דאָ אויס די פּראַווינצן וואָס זיינען אַמאָל געווען פּאַראייניקט אין אַ אידישער זעלבסט־פּאַרוואַלטונג אונטער אַ רבנישער הערשאַפט. 5) (הויד־מאַלכום) — מאַיעסטעט. 6) דער ימח שמוניק („זיין נאָמען זאָל אָפּגעמעקט ווערן“) — אַ צונעמעניש פאַר'ן סמאל. 7) טרעפט אין קארב — טרעפט אין פּינטל, טרעפט צו די קשיא אָדער דעם תירוץ ביים לערנען. 8) אָט אין אַזעלכע באַמערקונגען ליגט ניט ווייניק סאַטירישער שפּאַס: קענען זיין אַ בעל־קורא פאַר איינעם וואָס טרעפט דעם שווערסטן רמב"ם, איז אַ קינ־

דישער קונץ. פּרץ'ס אייגענע באַמערקונג (אין זיינע „זכרונות") אויף דערויף: „דערצו נאָך אַ בעל קורא — איז צוגעגעבען צום גראַם„. 9) מילך (פּויליש־דרום־רוסישער דיאַלעקט). 10) דאָס זעל־בע וואָס אַטעם. 11) איינגעשפּאַנט אין דער לייננ, איינס נאָך איינס (מעשה פּריץ). 12 אַ דייטש—אַ היינטוועלטיקער איד, מיט איראָפּייאישע פּירונגען. 13) דער שכל, דער געדאַנק פון עפּעס אַ באַשטימונג אין דער גמרא; מטעים זיין די סברא — „איינזעצן", דערקלערן עפּעס אַ שווערלאַך אָרט. 14) „דו פּלעגסט דאָך צו" — אַן אידיאָם פון פּוילישן דיאַלעקט. 15) מפּולת (מאַפּאַילעם) — אַ חורבה, אַן איינגעפאַלן אָדער פאַרלאָזט הויז. 16) איילן — סאָוועס 17) Owls געפּירט ווי אַן אַרעסטאַנט. 18) לויט'ן אַבערגלויבן אַז שדים טראָגן זייערע קרבנות אויף בעזימער, קאָטשערעס א. ז. וו.

ש. פרוג



שמעון שמואל פרוג — געבארן אין 1860, אין באבראווי קוט, א אידישע ערד־ארבעטער־קאלאניע אין כערסאנער גובערניע (דרום רוסלאנד), געשטארבן דעם 5טן אקטאבער, 1916, אין אדעס. פרוג האט אנגעהויבן און זיך דערווארבן א גרויסן נאמען אלס רוסישער דיכטער, אבער מיט זיינע אידישע לידער מעג ער באטראכט ווערן פאר'ן פאטער פון דער נייער אידישער פאעזיע. מיט א דין שנירעלע, (אין אזעלכע פיין־אידישלאכע מאראליזאציעס ווי „היים און קאלט“), בלייבט, אמת, פרוג נאך פארבונדן מיט די אלטע פאלקס־דיכטער, אבער ער איז שוין אויף אזוי פיל זעלבסט־באוואוסט, דאס ער ווערט אונדזער ערשטער ליריקער פון באַרוף — דער ערשטער זינגער פון מאדערנעם אידישן ווי און אל־מענטשלאכן אומעט, דער ערשטער אידישער באזינגער פון דער נאטור און אויך דער ערשטער פראטעסטאנט קעגן דעספאטישן דרוק. ער ברייננט אריין אין דער אידישער פאעזיע א שיינענדיק־זיכערע, ווי פון הארטן דימענט אויסגעשניצטע שפראך, א רייכע אידישלאכע בילדלאכקייט, א צארטע, טיף־דורכדרינגענדיקע געפילפולקייט. פרוג'ס אידישער ווייי און אל־מענטשלאכער שמערץ זיינען ביי אים אזוי אויסגעמישט, אז עס פארלירן זיך כמעט זייערע גרעניצן. שטייענדיק אויפ'ן שייד־וועג צווישן דער השכלה און דעם נאציאנאליזם־ציוניזם, קלינגען זיי ביידע אין זיין דיכטונג כמעט ווי א צווילינג־גלאק: אט לאכט ער שפאטיש און אט וועקט ער גלויבן און מוט. די אומענדלאכע צרות פון דרויסן און די שווערע אינעווייניקסטע אידישע פארוויסטונג יאגן אים אריין אין א פארצווייגענער, גאליקער קריג מיט דער וועלט. דערפאר — געפינט ער ניט ווייניק טרייסט אין תנ"ך און תלמוד און אין די פשוט'ע פאלקס־גלויבונגען („משה רבנו'ס קבר, „דער הויפן ערד“, „דעם שמש'ס טאכטער“.)

ביבליאגראפיע: ל. ווינער, 'Yiddish Literature' דר.מ. פינעס, „געשיכטע פון דער איד. ליט.“; ז. רייזען „לעקסיקאן“.

מיין ליד

איך בין אַ חזן אָן אַן עמוד
כמעט שוין פינף און צוואַנציק יאָר.
דאָך קלינגען מיינע תפלות תמיד
און כ'האָב דערצו אַ שיינעם כאָר.

אַ גרויסן כאָר פון אַלע סאָרטן,
פון אַלע שטימען אויף דער וועלט:
מיליאָנען פייגעלאַך אין גאָרטן,
מיליאָנען קוויטעלאַך אין פעלד.

דער וויינשטאָק איז מיט מיר מתפלל
אויף טל ומטר 1) אין דער צייט;
די וועלדער זאָגן מיט מיר הלל;
עס קלינגט און זינגט פון יעדער זייט;

דער שטורעם העלפט מיר בלאָזן תקיעות —
ער האָט אַ שופר גאָר אַ פּראַכט —
און הערן ממש איז אַ חיות
זיין בלאָזן אין אַן אָסיען-נאַכט.

מיר זינגט די זון מכלכל חיים, 2)
הושענות שלאָגט דער ווינט ביים טייך...
און מיט אַ ניגון גאָר אַ נייעם
וויל איך די לידער זינגען אייך.

מיין האַרץ איז אָבער ווי אין רינגען
געפּאַסט און וויינען ציט עס מיך;
מיט וואָס איך הויב ניט אָן צו זינגען, —
מיט „מן המצר" 3) ענדיק איך...

---

1) (טאַל אומאַטאר) — טוי און רעגן; אַנהויב ווינטער בעט טען אין שמונה עשרה אויף טוי און רעגן (איינשטימיק מיט'ן

ארץ ישראל׳דיקן קלימאט). 2) (מעיכאַלקעיל חיים) — דער וואָס שפייזט די לעבעדיקע; איינע פון די גרעסערע תפלות פון שמונה עשרה. 3) (מין המעיצאר) — אַ פסוק אין תהלים: „איך טו רופן צו גאָט פון מיין איינגשאָפּט (פון מיין געדריקטקייט) אַרויס“.

(פארגלייכט דאָס ליד מיט גאָלדפאַדען׳ס „שבת, יום טוב און ראש חודש“ און געפינט, וואו זיי זיינען ענלאך און וואו זיי שיידן זיך. באַמערקט ווי פרוג פּאַראַידישט דאָ די נאַטור. ווייזט אָן וועלכע שורות זיינען אַממייסטן ליריש און אין וועלכע עס איז דאָ אַן אַנצוהערעניש אויף איראָניע.)

אַ זומער־ליד

אויף די גערטנער, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען, —
ווי די פרייע, בלויע וועלן
רוישן, גיסן זיך און קלינגען.

אין אַ פרישן קראַנץ פון זאַנגען,
פריי פון טרויער און פון קומער,
אויף די טאָלן, אויף די פעלדער
שוועבט דער שיינער, ליבער זומער.

זומער־פייגעלאך פון גאָרטן,
סטאַיעס בינען פון די שטאָקן
פליען אום און טאַנצן, שפּרינגען
איבער זיינע שוואַרצע לאָקן.

זיסע וואַרימקייט טוט ווייען
פון די גרויסע, ברוינע פליגל
אויף די שטראָמען, וועלכע גלעיִצן
העל און ליכטיק ווי אַ שפּיגל;

אויף די בוימער, וועלכע שטייען
שוין באַוואַקסן און באַהאַנגען;
אויף די פרייע, גרינע פעלדער,
וואו די הויכע, שיינע זאַנגען

בויגן אָן די שטאָלצע קעפּלאַך
איינס צום אַנדערן און זשומען:
"—אַך, ווען וועלן זיי, ווען וועלן
שוין צו אונדז די שניטער קומען?..."

און די שניטער גייען, איילן...
סערפּעס, קאָסעס גלענצן, קלינגען...
אויף די טאָלן, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען.

אויף די פעלדער, אויף די טאָלן
הער איך קלינגען זיסע לידער,—
און מיין אַלטער, טיפער טרויער
וואַכט שוין אויף אין האַרצן ווידער!

(די לאַנדשאַפט, וואָס דער דיכטער מאָלט דאָ און דער גאַנצער זומער, זיינען פּראָסט דאָרפישע.)

אַ זומער־נאַכט

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז פינצטער,
מיט שוואַרצע שאָטנס איז באַדעקט
דער שטילער טייך, די גערטנער שלאָפן;
עס ווייט מיט פרישע גראָז, עס שמעקט
פון וואַלד מיט שוואָמען און מיט בלומען;
די לופט איז ריין און פריש און קיל.
אַלץ שלאָפט און רוט אין שטילן פרידן.
נאָר פון דער אַלטער וואַסער־מיל

הער איך צוויי ליבע, זיסע שטימען:
צוויי יונגע טויבן וואוינען דאָרט;
זיי וואָרקען, האַלדזן זיך... ווי רואיק
איז זיי אויף זייער שטילן אָרט!...

איך גיי אַהין. אַן אַלטע ווערבע
שטייט אויפ'ן שטילן, גרינעם ברעג.
זי איז מיין פריינט, זי איז מיין חבר
אין מיינע טרויעריקע טעג.
מיר זיינען ליב די אַלטע צווייגן,
וואָס היינגען טרויעריק אַראָפּ,
גלייך ווי פאַרצייטן ביי אַן אָבל
די האָר פון טרויעריקן קאָפּ. 1)
זי איז מיר ליב די אַלטע ווערבע:
אָפּט זיץ איך איינזאַם אונטער איר
און זי באַדעקט מיך מיט די צווייגן,
גיסט אויס אַ זיסע רו אויף מיר.

פאַר וואָס-זשע ציטערסטו, מיין קראַנקעס,
מיין עלנד האַרץ, אין פּיין, אין שרעק?
די אַלטע טרויעריקע בילדער —
אַך, גייט אַוועק פון מיר, אַוועק!...
ניין, ברידער מיינע! אייביק טראָגן
מוז איך מיין גרויסן, שווערן יאָך;
ניטאָ פאַר מיר קיין רו, קיין פרידן —
די אַלטע בילדער לעבן נאָך...
אין טיפן שלאָף, אין שטילן דרימל
שטייט אויף אַ ווייטעס, ליבעס לאַנד
מיט אַלטע, הויכע, גרויסע דעמבעס,
וואָס וואַקסן ביי אַן אַלטער וואַנט...
ביי יענער וואַנט פון בית המקדש,
וואָס איז פאַר אונדז געבליבן שטיין
ווי אַ מצבה, אַ זכרון

פון דעם וואס איז אמאל געווען... 2)
איך זע דאס פעלד, איך זע די קברים,
אין וועלכע ס׳ליגט דאס אלטע גליק,
די קראפט און מוט און פרייד, פאר וועלכע
עס איז ניטא קיין וועג צוריק...
פון בארג נבוא 3), פון ראש הפסגה 3)
שטייט אויף א הויכער, גרויער מאן,
איך הער זיין קלאג, א טיפן יאמער:
„ביז וואנען, דו שטארקער גאט! — ביז וואן!..."
עס הויבט זיך אויף א ווינט, א שטורעם,
עס גייט א יאמער, א געשריי...
די גרויסע דעמבעס רוישן, ברומען,
די צווייגן ברעכן זיך אויף זיי.

און פון דער אלטער וואנט טוט גיין
א קלאג פון גרויסן, טיפן שמערץ...
שלאף איין, שלאף איין, דו אלטעס אומגליק,
גיב רו צו מיין פאריאמערט הערץ!...

* *
*

אך, לאז שוין זיין א סוף א מאל!
גענוג געקלאגט, גענוג געליטן...
ניין, ווי צו מיר! — עס שלאפט זיך ניט,
ניטא פאר מיר קיין שלאף, קיין פרידן.

עס שלאפט זיך ניט: זיי רוען ניט
די אלטע וואונדן — אלטע צרות;
זיי ברענען, רייסן מיר מיין הארץ...
אוועק! אוועק, מחשבות זרות! 4)
א זומער־נאכט... א בוים... א בלום...
א זיסער שלאף אין רו, אין פרידן...
דו נאר, דו נאר, דו אלטער נאר!
וואס קער זיך אן דאס מיט א אידן?!

שוין אַלץ פאַרגעסן, וואָס מיט דיר
מען לערנט, חזר'ט שוין אַן ערך
צוויי טויזנט יאָר!... אַ בוים, אַ בלום...
נו נאָך וואָס? פיין פון דיר, אַ דרך...

אַ זומער־נאַכט... אַ טייך... אַ בוים...
פיין! שפּיל זיך, שפּיל זיך מיט'ן שטן!...
דו ווייסט שוין ניט, געדיינקסט שוין ניט, וואָס
איז דיר דערלויבט און וואָס פאַרבאָטן? —5)

שטיי אויף צו חצות, הויב אויף דיין קול,
שריי, קלאָג און יאָמער, וועק דעם עולם,
שריי, קלאָג! — אַך, אפשר וועט שוין פאָרט
דערהערן דיך דער בורא עולם... 6)

* *
*

עס שלאָפט זיך ניט... אַך, קום צו מיר,
דו גוטע, ליבע, טרייע, פיינע;
באַשיץ דיין עלנד, קראַנקעס קינד,
פאַרוויג, פאַרוויג מיך, מאַמע מיינע!

מיין האַרץ איז קראַנק, מיין האָר איז גרוי;
דער גלוסט פון אַלע קראַנקע זעלן —
— דער שלאָף — ער לויפט פון מיר אוועק...
דו איינע, איינע קאָנסט מיך היילן.

אַך, זע: איך בין דאָך נאָך אַ קינד,
אַן עלנד קינד... גיב, גיב מיר נייע
און פרישע קרעפטן... קום צו מיר,
פאַרוויג, פאַרוויג מיך, ליבע, טרייע!...

* *
*

פון יענער זייט וואַלד
גייט אויף די לבנה,
ווי בלייך איז איר אָנבליק,
ווי קאַלט איז איר שיין!
אַ הייליקע רו,
אַ גאָלדענער חלום —
גיסט זיך מיר ליבלאַך
אין האַרצן אַריין.

עס שטייט פאַר מיר אויף
מיין ווייטער געבורטס־אָרט:
אַ צימערל ליכטיק
און זויבער און קיל...

אַ וויגעלע שטייט...
אַ ווייסינקער פאָרהאַנג...
ווי רואיק איז דאָרטן,
ווי רואיק און שטיל!

איך בין נאָך אַ קינד,
אַ לעבעדיקס, פרישעס;
איך ווייס נאָך ניט ו ו ע ר איך בין,
וואָס וועל איך זיין...

עס שפּילט זיך מיט מיר
דאָס קילינקע ווינטל,
מיך וואַרימט, גאַלובעט 7)
די זילבערנע שיין.

דאָס לעמפּעלע ברענט;
ביים טיש זע איך זיצן
מיין אַלטיטשקע באַבע
מיט'ן זאָק אין דער האַנט;

דער שאָטן פון שלייער
ווייזט אוים ווי אַ חיה
מיט הערנער, וואָס ציטערט
און לויפט אויף דער וואַנט... 8)

מיין אַלטיטשקע באבע
דערציילט מיר אַ מעשה...
ווי ליבלאַך, ווי וואַרים,
ווי פריילאַך איז מיר!

עס שמעקן די בלומען,
עס שיינען די שטערן...
אַך, זעט נאָר, וואָס איז דאָס?
ווער גייט דאָס צו מיר?...

דאָס קליינינקע, ווייסינקע ציגעלע
שטייט ווידער שוין אונטער מיין וויגעלע
איר קעפּעלע ציט זיך צו מיר;
און ריינינקע, וואַרימע טרערלאַך
ווי העלע און ליכטיקע פּערלאַך
טריפן און פאַלן אויף מיר...
צוויי בילדער — צוויי ווייסינקע פייגעלאַך
מיט העלע און ליכטיקע אייגעלאַך
פליען און שוועבן צו מיר;
מיין קינדהייט און יוגנט באַגעגענען זיך,
זיי זינגען, זיי וויינען — זיי זעגענען זיך
אויף אייביק, אויף אייביק מיט מיר...

---

1) די צווייגן פון דער ווערבע,(Willow)-וואָס הייגען אַראָפּ ווי די לאַנג ניט-געשאָרענע לאָקן ביים אַמאַליקן אבל, איז אַ כאראַקעריסטיש ביבליש צוגלייכעניש. 2) ווערט אין דרום-רוסלאַנד אַרויסגערעט „געוויין". 3) נוואוי — דער באַרג אויף וועלכן משה רבינו איז געשטאָרבן: ראש הפסגה (רויש האַ-

פיסגא — דער שפיץ פון יענעם קייט בערג. 4) פרעמדע (זינדיקע) געדאנקען. דער דיכטער זאגט עם איראניש וועגן די זומער־בילדער וואס קריכן אים אין קאפ; אין פרק (איינס פון די עלטסטע טיילן פון דער משנה) איז דא א שפרוך קעגן אנטציקן זיך מיט דער נאטור, ווי קעגן עפעס וואס איז ניט גענוג ערנסט. 5) די צוויי סטראפן זיינען א גוט ביישפיל פון פרוג׳ם משכילי־שער איראניע. 6) בורא עולם—דער וועלט־באשעפער. 7) גאלובעט (רוסיש) — צערטלט. 8) א ביישפיל פון פרוג׳ם העלער בילד־לאכקייט.

(זאל דער סטודענט פאר זיך קלאר אנצייכענען דעם גאנג פונ׳ם ליד: צוערשט א פראכטיק, דארפיש זומער־נאכט בילד, דערנאך, דורך א קורצן לירישן איבערגאנג, שווימען אויף די ליבע זכרונות פון די קינדער־יארן: דאס ליד ווערט אויפגעלייזט אין טיפן וויי איבער דער פארלארענער קינדהייט.)

חברים

דיין קלאר, זיידן הענטעלע,
קינד מיינס, גיב מיר היינט!
נאענט, אייגן זענען מיר
ווי צוויי אלטע פריינט.

איין באצויבערט מעשה׳לע
לעזן מיר פאראוים —
דו פון אנהויב, איך צום סוף, —
נו, וואס מאכט עס אוים! — — —

איין זים, ליכטיק לעבן־טרייסט
און איין לעבן־וויי
דעקט מיט שיין דיין קעפעלע
און מיין קאפ מיט שניי.

איין געשאַנק איז איינגעטיילט
אונדז פון לעבן־שוים:
מיר — דער שאָטן, דיר דער שיין, —
נו, וואָס מאַכט עס אוים! — — — —

(א ביישפּיל פון פרוג׳ם ריינעם, ניט־געמישטן ליריזם. די שיינקייט פון אזעלכע שורות ווי „דעקט מיט שיין דיין קעפּעלע און מיין קאָפּ מיט שנייי" און די ווייטיקדיגע איראָניע פון „נו, וואס מאכט עס אוים!" באַנעגנט מען ניט צו אָפט אין דער פּאָעזיע).

זאַמד און שטערן

עס שיינט די לבנה, עס גלענצן די שטערן;
די נאַכט שוועבט אויף בערג און אויף טאָל...
דאָס אַלטיטשקע ביכעלע 1) ליגט פאַר מיר אָפן,
איך לייען עס, לייען עס טויזנטער מאָל.

איך לייען די הייליקע, טייערע ווערטער,
מיר הערט זיך אַ שטימע: „איך שווער —
מיין פאָלק, דו וועסט זיין, ווי די שטערן אין הימל,
ווי זאַמד אויפ׳ן ברעג פון׳ם מער!..." 2)

ריבונו של עולם! עס ווערט ניט פאַרפאַלן
פון דיינע הבטחות קיין איינציקעס וואָרט:
מקוים מוז ווערן דיין הייליקער ווילן,
אַלץ קומט אין זיין צייט, אויף זיין אָרט.

און איינס איז שוין טאַקע מקוים געוואָרן —
דאָס פיל איך, דאָס וויים איך געוויס:
מיר זענען געוואָרן ווי זאַמד, וואָס איז הפקר, 3)
וואָס יעדערער טרעט מיט די פיס...2)

יאָ, גאָטעניו, אמת, ווי זאַמד און ווי שטיינער,
צעשפּרייט און צעוואָרפן אויף שאַנד און אויף שפּאָט. —
נו, אָבער די שטערן, די ליכטיקע, קלאָרע —
די שטערן, די שטערן — וואו זענען זיי גאָט ?!

1) דער תנ"ך. 2) דער תנ"כ'שער צוזאָג צו די אבות פון אידישן פאָלק מיינט, אז די אידן וועלן ניט זיין צום ציילן, ווי עס איז ניט איבערצוציילן די שטערן אין הימל אָדער דעם זאַמד אויפ'ן ברעג ים; אונזער דיכטער נעמט עס אָבער אָן אין אַן איראָנישן זין: די אידן זיינען שוצלאָז, ווער עס וויל טרעט אויף זיי ווי אויף זאַמד. 3) הפקר (העפקער) — אָן אַ בעל הבית.

(דאָס ליד איז ניט אומזיסט איינס פון די באַרימטסטע ביי פרוג'ן. ס'איז דאָ אין דעם פרוג'ס באַוואוסטע ליבע צו דער ביבל; ס'איז בכלל דאָ אין דעם עפּעס תפלה'דיקס, הימן־אַרטיקעס. דאָס ליד איז אחוץ דעם, מערקווירדיק גאַנץ, פולקום אין דער פאָרמע.)

דאָס אידישע קינד

טיף באַגראָבן אין דער פינצטער,
ווייט פון לופט און ליכט —
זעסטו דאָרט דעם בלינדן וואָרים,
ווי ער קריכט?

אין דער ערד איז ער געבאָרן
און באַשערט
איז אים אייביק, אייביק קריכן
אין דער ערד!

ווי אַ וואָרים אין דער פינצטער,
עלנד, שטום און בלינד, —
לעבסטו אָפּ די קינדהייטס־יאָרן,
אידיש קינד!

אויף דיין וויגל זינגט דיין מאַמע
נישט קיין ליד
פון אַ רואיק שטילן לעבן,
פרייהייט, פריד,

פון די גערטנער, פון די פעלדער,
וואו דאָס פרישע קינד
שפּילט און פרייט זיך,
פריי און לוסטיק ווי דער ווינט.

ניין, אַ קוואַל פון טיפן יאָמער
רוישט און קלינגט;
אַי, ווי ביטער איז דאָס לידל,
וואָס זי זינגט!

טיפע זיפצן, הייסע טרערן
מיט אַ שטאַרקער מאַכט
קלינגען, רוישן אין דעם לידל
טאָג ווי נאַכט...

טיפע זיפצן, הייסע טרערן,
הונגער, קעלט —
שלעפּן זיך מיט דיר אינאיינעם
אויף דער וועלט!

און פון וויגל ביז צום קבר,
אויפ׳ן לאַנגן וועג —
וואַקסן גאַנצע וועלדער צרות,
אָן אַ ברעג.

(אין דאָזיקן ליד איז אַלץ — בילד (למשל, „וואַקסן גאַנצע וועלדער צרות“,) קלאַנג („אָן אַ ברעג“) און פערזן־בוי — צוזאַמענגענאָמען אין דער אַרויסרופונג פון ביטערן עפעקט.)

שבועות

„דער גרינער יום-טוב קלאַפּט אין טיר
די זון גייט אויף און שיינט.
וואו, זיידע, וועלן מיר דאָס גרינס
אויף יום-טוב נעמען היינט?“

„— וואו פרעגסטו? קום, מיין גאָלדן קינד,
אויף אונדזער הייליק אָרט — 1)
דער פרילינג האָט מיט גראָז באַדעקט
דיין טאַטנ׳ס קבר דאָרט...“

„קום, קינד מיינס! אונדזער א י י ג ן גרינס
דערקענען איז ניט שווער:
פון יעדן גרעזעלע שטראַלט-אָפּ
אַ הייסע יתום-טרער...“

---

2) הייליק אָרט — בית הקברות.

פון יענע טעג

פינצטער איז אין צימערל,
פינצטער, איינג און קאַלט.
שרעק און פּיין און ווייטיק
דריקן יונג און אַלט.

„— גיב אונדז עסן, מאַמע!“ —
בעט דאָס קראַנקע קינד.
און פון קאַלטן אויוון
רוישט און זינגט דער ווינט: 1)

„— וויינט ניט, ליבע קינדערלאך,
שטיל און רואיק זיצט:
ברויט איז צו טייער,
בלוט איז וואָלוול איצט...“

און עס פליט דאָס ווינטעלע
אויפ׳ן פרייען פעלד, —
דאָרט, וואו אויף דעם פרישן שניי
ליגט דער טויטער העלד: 2)

פוסט און שטום זיין עלנד הארץ,
זיינע אויגן בלינד
און זיין לייב צעריסן
הונגעריקע הינט

און די שוואַרצע קראָען
אויפ׳ן ווייסן פעלד
קראָקן „דע פרעפונדיס“ 3)
אונדזער טויטן העלד...

האָרך! אַ קלאָג אַ ביטערער
גייט פון הייליק אָרט...
בלייכע וואַנדל-פייערלאַך
צאַנקען דאָ און דאָרט...

צאַנקען, שוועבן, וויגן זיך,
פלאַקערן מיט מאַכט...
די מצבות ציטערן
אין דער שטומער נאַכט....

הערסט דעם קלאָג דעם ביטערן
פונ׳ם הייליק אָרט?

מתים נאָך די לעבעדיקע
זאָגן קדיש דאָרט...

---

1) ניט די מאמע ענטפערט נאָר דער ווינט — די מאמע איז דער׳הרג׳עט. 2) דער רעוואָלוציאָנער. 3) „דע פראָפונדיס“, די לעטיינישע איבערזעצונג פון דעם תהלים׳דיקן ממעמקים (מימאַאמאַקים) — פון דער טיפעניש („ממעמקים קראתיך יה“ — פון דער טיפעניש טו איך גאָט צו דיר רופן). „דע פראָפונדיס“ איז דער נאמען פון א געוויסן טויטן־געזאַנג ביי קריסטן.

(דאסדאָזיקע שרעקלאכע ליד איז איינס פון א רייע וועלכע פרוג האט אנגעשריבן אין די יארן 1906—1907, ווען אויף די פיל רעוואָלוציאָנערע אויסבראכן (אין וועלכע אידישע קינדער האבן זיך שטארק באטייליקט) האט די רוסישע רעגירונג געענטפערט מיט פאגראמען און הריגות אויף אידן. ביי פרוג׳ן הייסן די לידער „סקיצן“. „פון יענע טעג“ איז אן אנגענומענע פראזע אויף צו באצייכענען דידאָזיקע מורא׳דיקע געשעענישן.)

היים און קאַלט

(א לידל)

נו, — מזל־טוב, רחל׳ע, מזל־טוב דיר —
א קינד, א בן־זכר געבאָרן!...
דאָס פיצעלע קווישעט און שרייט אָן א שיעור...
וואָס איז דאָס, דו קליינער, וואָס איז דאָס מיט דיר?
דו ציטערסט? דערפראָרן געוואָרן?
אַך, דאָרט אויפ׳ן הימל, וואו דו ביסט געוועזן, 1)
איז ליכטיק און פרייליך און ווארים און שיין
און דאָ... הערט זיך צו — בנאמנות:
דאָס פיצעלע רעט דאָך, עס שרייט דאָך: — „געוואלד!“
אוי, מאמע! ווי פינצטער איז דאָ און ווי קאַלט!... 1)
אוי, וויי! האָב רחמנות!...“

* *
*

דאָס רעדעלע דרייט זיך
אַרום אָן אָן עק;
אַ טאָג קומט צוקריכן,
אַ יאָר פליט אַוועק...

— „גוט מאָרגן אייך, רבי!“ — „גוט מאָרגן! אַנו!
אַט זעץ זיך אַקאָרשט נאָר אַנידער
און נעם זיך צום חומש... נו, לעבעדיק... דו,
מיט חשק, מיט אברים, מיט גלידער!...
דו שווייגסט?!... נו, טאַ ליג זשע זיך! ליג... אַט אַזוי...
איינס!... צוויי!!...“ „רבי! רביניו! אוי!...“
—„ליג, ליג! דו, כל-בו'ניק!...2) ס'וועט קאָסטן דיר
טייער!...
איך אַרבעט, איך קנעל, איך באַגים זיך מיט שוויים...
האַ? ווארים?...“ — „היים! רבי'ניו, רבי'ניו, היים!
עס ברימ ווי אַ פייער!...“

* *
*

אַ טאָג קומט צוקריכן,
אַ יאָר פליט אַוועק,
אַלץ האָט זיך זיין אָנפאַנג,
אַלץ האָט זיך זיין עק...

און נאָך אַמאָל — מזל-טוב! — מזל-טוב אייך!
שפּילט, קלעזמערלאַך! הויבט זיך אויף- פליגל!
דער חתן איז פשוט „דעם קרומן ניט גלייך“ 3)
די כלה — אַ דימענט, אַ שפּיגל!
מע הוליעט!... ווארט אוים, ליבע פריינט, זייט ניט פויל—
דער דימענט האָט נעגל! דער שפּיגל — אַ מויל...
—„נו, מאַנעלע, ווארים? עס קוועלט די נשמה?“
„— אוי, ברידער, בחורים'לאַך! איילט זיך ניט! — קאַלט!
איך פריר ווי אום שבט ביי דער נאַכט אין אַ וואלד...

איך ציטער, איך צאפּל... אוי, ברידערלאך, ג׳וואלד!
איך פריר פון נחמה!" 4)

* *
*

די וועלט איז א חדר
פאר קליין און פאר גרויס!
מע קוועטשט זיך, מע שטופּט זיך —
מע לערנט זיך אויס...

א סוחר געוואָרן... נו, גיכער, רב איד! —
אין האָץ 5) איז א מארק און אין קלאָץ 5) — א יריד...
עס הודיעט, עס קאָכט ווי אין גיהנום!
איר זעט — קיין עין הרע! מע לויפט! —
פּעל, אָקסן, זאלץ, קאָרן, פלאַקס, פּאַטשערקעס, לעדער!
מע פליט ווי אויף פליגל, מע פאָרט ווי אויף רעדער,
מע האַנדלט, מע וואַנדלט, מע קויפט, מע פאַרקויפט...
דאָס סוחר׳ל יאָגט זיך נאָך דעם און נאָך יענעם,
עס ציטערט, עס צאפּלט, באַגיסט זיך מיט שווייס...
אוי, סוחרימ׳לאך, אידעלאך, פייערדיק, הייס!
עס ברענט ווי אין גיהנום!

* *
*

דאָס וועלטעלע דרייט זיך —
א מארק, א יריד!
עס הודיעט, עס פּלאַקערט,
עס ברענט און עס זיט...

ברענט, ברענט — איר וועט אָפּגעקילט ווערן, רב איד —
איר איילט זיך נאָך סחורה? — נאָך אייזן, נאָך ברעטער,
נאָך זייד און נאָך סאַמעט — איר פּלאַקערט, איר זיט?
פאַרגעסט נאָר ניט — זייט אזוי גוט — פון יריד
א שטיקעלע לייוונט 6) צו ברייננגען, רב פעטער...
עס קלאַפּן די פּושקעס, 6) עס אַרבעט די זעג: 6)

פיר ברעטער, צוויי שערבלאַך 6) — און אוים מיט אַן עק!
געקומען צו פאָרן פון לעצטן יריד׳ל...
נו, גיכער, שמשים! פאַרשיט שוין, באַהאַלט!...
אוי, אידעלאַך, קאַלט איז דאָרט—זאָג איך אייך—קאַלט?!

— — — — — — — —

געפעלט אייך מיין לידל?

---

1) א גערַאנק וואס מען באַגעגנט ביי ניט־וויניק פאָלקס־דיכטער. 2) צעלאַזענער יונג. 3) אַן אויסדרוק (ניט אַן שפּאַס) וואס מיינט: א זעלטנהייט, אַן אַנטיק. 4) ווידער אַן איראַנישער אויסגעשריי. 5) א שפּיל אויפ׳ן ווערטל — האָצע־פּלאָץ (ווייטע מקומות). 6) איינצעלהייטן פון דער לויה און דער קבורה.

(ס׳איז קלאָר, דאָס ליד איז א באַטראַכטונג וועגן דער נישטיקייט פון לעבן און א דערמאַנונג אויפ׳ן טויט, אין גייסט פון די פאָלקס־דיכטער. די קורץ־שורה׳דיקע סטראָפן בילדן א מין בריק צווישן דעם כלומרשטן העלד פונ׳ם ליד און דעם מענטשלאַכן כלל און זיינען א קאָמענטאַר אויף דאָס גאַנצע.)

דוד פרישמאַן

דוד פרישמאן — געבארן אין לאדז, אין 1863 אדער 1865, געשטארבן אין בערלין, אין 1922. פרישמאן פארנעמט דעם העכסטן ארט אין דער העברייאישער ליטעראטור אלס קריטיקער, פעליטאניסט און איבערזעצער און אויך א חשוב'ן פלאץ אלס דיכטער און נאוועליסט. ער האט אויך בייגעטראגן פיל וויכטיקעס אויף פארשיידענע געביטן פון דער א י ד י ש ע ר ליטעראטור. זיינע לידער אויף אידיש זיינען ניט פיל אין צאל און צייכענען זיך ניט אויס מיט עפעס באזונדערס כאראקטעריסטישעס : זיינען אבער גאנץ ווערטפול מיט זייער אויסערלאכער עלעגאנטער שיינקייט.

ביבליאגראפיע : „די צוקונפט“, 1922 ; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

די נאַכט איז שטיל

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז בלוי —
מירביידע גייען צוזאַמען ;
עס שלאָפן שטיל די גאַסן,
נאָר שטילע שטערן פלאַמען.

און בלוי די נאַכט און שטיל די נאַכט,
די שאָטנס טוען זיך יאָגן !
איך הער דעם ווידער-קול ביים גיין,
דיין האַרץ, איך הער עס שלאָגן.

זיי רואיק, קינד, לאָז רואיק זיין
דיין אויפגערעגט געווויסן !
דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט —
און ווערן גאָרנישט וויסן.

מיר גייען שטיל ! מיר זען נאָר,
דער דין גייט, דער אַלטער ;
ער גייט מיד און אין דער האַנט
אַ שווערן ספר האַלט ער.

דער אַלטער איז אַ גוטער מענטש
און וועט אונדז נישט פאַר'מסר'ן —
זיי רואיק, קינד און האָרך, ווי שיין
עס רוישן שטיל די וואַסערן.

דער אַלטער גייט אין שול אַריין,
ביינאַכט לערנט ער דאָרט תורה
און אונדזער סוד נעמט ער מיט זיך
אַך, קינד, וואָס האָסטו מורא ?

און אונדזער סוד באַגראָבט ער דאָרט
אַריין אין זיינע ספרים —
זיי זענען פאַר אַזעלכן סוד
נאָר הייליק־שטילע קברים.

און פון די שטילע ספרים וועט
דער סוד צום הימל פליען
און פאַר די פיס פונ'ם גוטן גאָט
וועט ער זיך פאַר אונדז מיען.

די פישער

(שאָטלאַנדישער מאָטיוו)

דריי פישער פאָרן צום פישן אַרויס
אין נעבל, אין גרויען, גאָר ווייט אויפ'ן מער.
זיי טראַכטן פון ווייב און פון קינד און פון הויז,
פון אויגן, וואָס קוקן זיי נאָך ביז אַהער —
די אַרבעט דעם מאַן, די טרערן דער פרוי
און שווער זענען זאָרגן און לעבן איז גרוי —
און פינצטער שטורמט דאָס מער.

דריי פרויען בליקן אַרויס פונ'ם טורם,
אויפ'ן ברעג, אינ'ם נעבל, — דאָס ליכט איז גאָר קליין.
זיי בליקן אין ווינט, זיי בליקן אין שטורם.
אָט שווימען שוין ברעטער — צעבראָכן — אַליין —
די אַרבעט דעם מאַן, די טרערן דער פרוי
און פאַלש איז די כוואַליע און וואַסער איז רוי —
און שטורמיש שוימט דאָס מער.

דריי טויטע ליגן גאָר שטיל אויפ'ן זאַמד;
די מאָרגנזון פינקלט, דער ווינט איז אַוועק.
עס בליקן דריי פרויען אַהין אויפ'ן זאַמד
און בליקן און בליקן אָן אויפהער, אָן עק —
די טרערן דער פרוי, די אַרבעט דעם מאַן
און קורץ איז דאָס לעבן, אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן —
און ליכטיק גלאַנצט דאָס מער.

(באמערקט די שיינע אויסשטעלונג פון די שורות און דעם צושפּיל (דעם רעפרען): „די ארבעט דעם מאן, די טרערן דער פרוי,“ וואס איז א מין קאמענטאר אויף די טרויעריקע געשעענישן, וואס ווערן דא דערציילט.)

פאַר משיח׳ן

א.

ביי דעם ירדן שטייט אַ קוזניע
און דער קאָוואַל אין דער קוזניע
שטייט ביי דער מלאכה.
מיט דעם בלאָזאַק בלאָזט ער דאָרט.
פאָך־פאָך! פאָך־פאָך! 1) — בלאָזט ער דאָרט 1)
און מיט גליק און ברכה.

רויט אויף דער קאָוואַדלע גליען
טוט דאָס אייזן, טוט זיך ציען,
קאָכן היים און זידן;
און דער האַמער קלאַפּט דערויף,
הוק־הוק! הוק־הוק! — קלאַפּט דערויף,
קלאַפּט און טוט עס שמידן.

קלאַפּ־זשע, קאָוואַל! לאָזן שפּריצן,
לאָזן טויזנט פונקען בליצן,
פליען ווי מלאכים:
פון דעם האַמער צוקט אַ בליץ,
פלים־פלאַם! פלים־פלאַם! — צוקט אַ בליץ
און עס דונערט נאָך אים.

וואָס זשע, קאָוואַל, שמידסטו דאָרטן?
— „כ׳שמיד פון מיינע בעסטע סאָרטן,
בין זיך דאָ מטריח:
די פּאָדקאָווע מאַך איך פאַר׳ן —
הורא! הורא! מאַך איך פאַר׳ן
פערדל פון משיח!“

ב.

ביי דעם ירדן שטייט אַ וועבשטול
און דער וועבער אויף דעם וועבשטול
שטייט ביי דער מלאכה.
בוימט די קעטע אויף דעם בוים, 2)
וויק-וויק! וויק-וויק! — אויף דעם בוים,
בוימט מיט גליק און ברכה.

פון דעם וועבער-לאָדן פעדעם
שלעפט ער איצט צונויף און יעדעם
ציט ער דורך די קאַמען;
טרעט איצט פלייסיק אויף דער שאַפט,
טריף-טראַף! טריף-טראַף! — אויף דער שאַפט,
שיסט 3) דעם שום צוזאַמען.

קוים צו זען מיט די אויגן
לויפט די שיף, 4) אַ פייל פון בויגן
לויפט דאָס וועבער-שיפל:
פלינק אַהין און פלינק אַהער,
ציק-צאַק! ציק-צאַק! — פלינק אַהער
און מען זעט ניט וויפיל.

וואָס זשע, וועבער, וועבסטו דאָרטן?
— „כ'וועב פון מיינע בעסטע סאָרטן,
בין זיך דאָ מטריח:
און דאָס מלבוש מאַך איך פאַר'ן, —
הוראַ! הוראַ! — מאַך איך פאַר'ן
הייליקן משיח!"

ג.

ביי דעם ירדן זיצט אַ שטיקער
פאַר דער שטיקעריי, דער שטיקער
טוט איצט זיין מלאכה.
אויף דער קאַנווע שטיקט ער איצט,

פיק-פיק! פיק-פיק! שטיקט ער איצט
און מיט גליק און ברכה.

ציילט די שטיק און ציילט די אויגן,
אויף דער ראַמקע אויפגעצויגן
זענען זיידן-שפּיצן; 5)
זייד און גאָלד און זילבערוואַרג,
צאַ-צאַ! צאַ-צאַ! זילבערוואַרג
און מען זעט עס בליצן.

קלעפּל-שטיק 6) און אַפּליקאַציע 6)
קייטל-שטיק 6) און מיט פונקטאַציע, 6)
גאַנץ און אויך געבראָכן — 6)
אַלעם, אַלעם מאַכט ער דאָרט,
שטיך שטאָך! שטיך-שטאָך! מאַכט ער דאָרט,
קליין און פיין געשטאָכן.

וואָס זשע, שטיקער, שטיקסטו דאָרטן?
— „כ'שטיק פון מיינע בעסטע סאָרטן,
בין זיך דאָ מטריח:
און די פאָן, די מאַך איך פאַר'ן —
הוראַ! הוראַ! — מאַך איך פאַר'ן
מלך המשיח!"

ד.

אין דעם הימל זעקס מלאכים
רוישן פלינק און די מלאכים
טוען זייער מלאכה.
פאַר גאָט'ס שטול דאָ שטייען זיי —
הוראַ! הוראַ! — שטייען זיי,
בעטן גליק און ברכה.

אַלעם בעסטע, אַלעם שענסטע,
אַלעם פיינסטע, אַלעם ריינסטע,

אײדלסטע און נײַע, —
אַלעם דאָס, דאָס נעמען זײ —
הוראַ! הוראַ! — נעמען זײ
און אויך אַלעם פרײַע.

אַלעם מיטלייד מיט דעם קראַנקן,
שוואַכן מענטש און אויך אַ בלאַנקן,
שטאַרקן גײַסט, אַ פרישן —
אַלעם דאָס, דאָס נעמען זײ —
הוראַ! הוראַ! — נעמען זײ
און זײ טוען עס מישן.

וואָס, מלאכים, מאַכט איר דאָרטן?
— „מאַכן פון די בעסטע סאָרטן,
זענען זיך מטריח:
די נשמה מאַכן מיר —
הוראַ! הוראַ! — מאַכן מיר
פאַר דעם האַר משיח!"

ח.

דאָך, אַך, ווײ אונדז, ווײ אונדז אַלע!
פאַרטיק האָבן שוין, אַך, אַלע
אַנדערע די מלאכה;
מיר אַליין נאָר זען נישט,
ווײ אונדז! ווײ אונדז! זען נישט
נאָך קײן סימן ברכה!

נישט געגנוג איז מן הסתמא
פאַר אַזעלכענע נשמה
אַלע אונדזערע שטאָפן;
האָבן אפשר אַלץ מיט זײ,
ווײ אונדז! ווײ אונדז! אַלץ מיט זײ
נאָך נישט גוט געטראָפן.

ניַשט געַנוּג איז נאָך דאָס רייַנע,
ניַשט געַנוּג מסתּם דאָס שייַנע,
ניַשט דער שטאָף דער עכטער ;
אפשר איז גאָר אויך דער קרעכץ,
ווייַ אונדז ! ווייַ אונדז ! אויך דער קרעכץ
גאָר נאָך ניַשט דער רעכטער !"

און עס וויינען די מלאכים
און אַ קרעכץ, אַ צווייטן נאָך אים,
הער, אַ ביטער לאַכן —
פּאַרטיק ביז היינט איז ניַשט די,
ווייַ אונדז ! ווייַ אונדז ! איז ניַשט די
נשמה פון משיח'ן !

---

1) פאַר־פּאַר ! — אַ נאָכמאַכונג פון'ם בלאָזאָק : „בלאָזט ער דאָרט" — אַן איבער'חזרונג פון שיינקייט וועגן. ביידע עפעקטן לויפן דורך דער גאַנצער באַלאַדע און דינען איר ווי אַ מין קלענערער לייט־מאָטיוו ; דער גרעסערער לייט־מאָטיוו איז : „מאַך איך פאַר'ן... משיח !" 2) ציט אַן די פעדים אויפ'ן שטאַנג. 8) שיסן — אַריינוועבן. 4) Shuttle. 5) Lace. 6) דער זין פון דידאַזיקע טעכנישע טערמינען, ווי אויך פון אַ פּאָר וועבר־טערמינען אין פאַריקן סטראָף, איז מיר ניט גאָר קלאָר. דאָס בעסטע איז דערקונדיקן זיך וועגן זיי ביי אַ פאַכמאַן.

י. ע.

משה ברכהן

משה ברכהן — געבארן אין פלאצק, וויטעבסקער גובערניע, אין 1865. האט געדרוקט א סך לידער, פיל פון זיי אין א הומאריסטישן טאן, אין פארשיידענע אויסגאבן אין רוסלאנד.

ביבליאגראפיע: זע מ. באסין׳ס „אנטאלאגיע“, צווייטער באנד און ז. רייזענ׳ס „לעקסיקאן“.

הארבסט

שטיל. — עס שטייט דער וואלד א שטומער
און דאס שטעטל איז פארקלערט.
וויסט די גאסן און דער זומער
גוסס׳ט לאנגזאם אויף דער ערד...

קאלט. — עס שוידערט... אויפ׳ן הימל
ליגט א גרויסער וואלקן, — שווארץ;
אויף דעם טייכל ליגט א דרימל
און אן אומעט אויף דאס הארץ...

בלעטער פליען. — עס צעזייט זיך
אין דעם פייכטן לופט דער רויך;

און אַ שוואַלבן-שנירל ציט זיך
ווייט אַהינצו אין דער הויך...

(וועלכעס פון די פאַרשיידענע אַפּגעמאָלענע בילדלאַך איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער האַרבסט-צייט?)

דריי מוידן

דריי מוידן ווי ריזן,
די פּנים׳ער שוואַרץ;
זיי שטעכן ווי שפּיזן
דעם טאַטן אין האַרץ.

דריי נדנ׳ס!... אַ ווערטל?
עס רעט זיך גאָר גרינג!
און כאַטש זיך צעפּערטל,
פון הויט כאַטשיק שפּרינג!

דריי כלות... דריי חופּות...
זיי מאַכן אים אַלט
און גרויס איז דער דלות,
אין שטיבל איז קאַלט...

זעלדע קניזשניק

זעלדע סניזשניס — געבארן אין וויאזין, ווילנער גובערניע, אין 1869. געדרוקט לידער אין רוסישע אויסגאבן און אין אמעריקע אין דער „צוקונפט". זעלדע סניזשניס'ס לידער צייכענען זיך אוים מיט אַן איינגעהאַלטענעם, אזוי ווי צוזאַמענגעפּרעסטן טאָן.

זע ז. רייזענ'ס „לעקסיקאָן".

אונטער שלאָס

עס פאַרבלייבט אונטער שלאָס
אַ געצוימטער פאַרלאַנגען,
אַ געפיל וואָס ברענט אוים
נאָר אין הארצן, אין באַנגען;

און אַ טרער, וואָס זי טאָר נישט
אַרויף אויף די ברעמען
און אַ תּפלה, וואָס שפּאַרט זיך
און זי ווייס ניט פאַר וועמען...

יהודית
(רחל בערנשטיין)

יהודית (רחל בערנשטיין) — געבאָרן אין 1869, אין מינסק. געדרוקט דערציילונגען און לידער אין רוסישע און אַמעריקאַנישע אויסגאַבן. זע מ. באַסינ׳ס „אַנטאָלאָגיע“, צווייטער באַנד און ז. רייזענ׳ס „לעקסיקאָן“.

בריי‏טע הימלען, ערד אַ גרויסע...

בריי‏טע הימלען, ערד אַ גרויסע
און אַ שיינע זון, אַ הייסע —
אַלע אייביק שטום...
און פאַרמאַטערטע, פאַרוויגטע,
ווי די ווערים האַלב צעדריקטע,
קריכן מיר אַרום...
קריכן... ווי אַ וואָרים פילן,
מיט אַ טרער דעם צאָרן שטילן...
צאָרנען ווי אַ פליג...
ליבן, האָפן, האַסן, בייינקען...
און, פאַרמאַטערט, אַלעם שיינקען?...
— — — — — — — — —

ניין ! זאָל זיין געגוג !
איך וויל לאַכן, שד'יש לאַכן,
כ'וויל פון אַלעם חוזק מאַכן,
לאַכן, לאַכן הויך !
עס זאָל דונערן און בליצן,
פון געלעכטער זאָלן שפּריצן
פייער-פלאַמען, רויך !
און די הימלען זאָלן ברומען,
זאָלן ריידן, — זייער שטומען
לייד איך שוין ניט מער !
רעט ! כ'וויל הערן, וועלכער רוח,
וועלכער טייוול, וועלכער כח
האַלט אייך ביז אַהער !...

ח. נ. ביאַליק



חיים נחמן ביאַליק — געבאָרן אין 1873, אין דאָרף ראַדי, וואָהלינער גובערניע, געהאַט אַ אָרימע, וויסטע קינדהייט און אַ איינזאַם־ישיבה־בחור׳שע יוגנט (דערפון זיין באַרימטע העברייאישע פּאָעמע „דער מתמיד״) אָבער, אַריינפאַלנדיק שפּעטער (אין אָדעס) אין קרייז פון דער פיינסטער העברייאישער אינטעליגענץ, אַנטוויקלט ער זיך מיט דער צייט, אין דעם, בדרך כלל, גרעסטן העברייאישן פּאָעט פון דער נייער צייט און אין אַ העכסט אָנפירנדיקער פיגור אין ציוניזם און אין דער העברייאיש־קולטורעלער באַוועגונג. אַלס אַזאַ אַרבעט ער די לעצטע פּאָר יאָר אויך אין ארץ ישראל.

ביאַליק׳ס אין צאָל זייער קנאַפּע אידישע פּאָעזיע, וועלכע לאָזט זיך ניט גרינג אָפּטיילן פון דער העברייאישער, איז אין עטלאַכע הינזיכטן ביי אונדז איין־און־איינציק. אין אַ פּאָר פון זיינע פאָלקסטימלאַכע לידער איז די שפּראַך אַזוי זאַפטיק, אַזוי אידיאָמאַטיש אידיש, אַז עס איז זיך גאָר ניט אויסצומאָלן, דאָס איבערגעזעצט אפילו אויף העברייאיש, כאָטש עס איז דאָס נענטסטע צו אידיש, קען עס נאָך האָבן אַ טעם. אַקעגן זשע, אין אַזעלכע לידער ווי „דאָס לעצטע וואָרט״, זיינען ניט נאָר די בילדער, די ווענדונגען, דער ריטם און די קלאַנג־עפעקטן ביבליש־תלמודיש, נאָר אפילו די שפּראַך אַליין. איז שטאַרק פאַרהעברייאיזירט, איז איינגענטלאַך אַ צוזאַמענשמעלצונג פוןביידע לשונות. ביאַליק׳ס טיפערע אייגנשאַפטן אַלס אידישער פּאָעט זיינען: 1) זיין פאָרשטעלונג־קראַפט איז איינס פון די זעלטנסטע, תנ״כיש רייך און תנ״כיש קראַפטיק, אַנקלייַדנדיק מיט נוף דעם אַבסטראַקסטן באַגריף. זי איז דין, אויסגעאיידלט־פלינק: פון אַ בליאַסק און אַ שיין שווימען פאַר אים אַרויס גאַנצע לעבנס־טראַגעדיעס (צעוואָרפענע מעשענע לייכטער, אין דער „שחיטה־שטאָט״, זיינען ביי אים

צעטראָטענע שבתים, צעפליקטע אידישע קישנס — צעריסענע נדנ׳ען פון אָרימע כּלות) : זי איז אַזוי ליבט־ניט־געמאַטערט, אַז אָפט דאַכט זיך, דאָס די בילדער זיינען גאָר ניט דעם פּאָעט׳ס נאָר די כּשר׳ע קינדערלאַך פון דער אידישער פאָלקס־שפּראַך : 2) זייענדיק אַ טיף־געפילפולער ליריקער, איז ער אָבער אין דער אייגענער צייט אויך אַזוי טיף אידיש, דאָס זיין פּערזענלאַכער איך און זיין אידישער כּלל־איך פאַרלירן באַלד די גרע־ניצן איינס אין דאָס צווייטע 3) ביאַליק קען זיין אי שרעקלאַך ביטער אי האַרציק־פאָלקסטימלאַך הומאָריסטיש (אַמאָל, למשל אין „מיין גאָרטן“, גייט דער הומאָר אויך איבער אין שניידנדיקן סאַרקאַזם) און אַלע פּליסן אַרויס פון איין קוואַל — זיין טיפע אידישע ליבע : 4) ביאַליק׳ס „שחיטה־שטאָט“, כאָטש זי איז ערטערווייס דעקלאַמאַטאָריש־עפעקט־זוכנדיק, דער עיקר אָבער, זיין „דאָס לעצטע וואָרט“ שרייבן איין אַ ניי בלאַט אין דער אידישער פּאָעזיע — דאָס נ ב י א י ש ע.

ביבליאָגראַפיע : ח. נ. ביאַליק „פּאָעזיע“, מיט אַן אַריינפיר פון בעל מחשבות: יעקב פיכמאַן, „די אידישע ליריק“ אין זיין „אידישע מוזע“; ש. ניגער, אין „דאָס נייע לעבן“, 1923.

עס האָט מיך פאַרפּלאָנטערט...

עס האָט מיך פאַרפּלאָנטערט מיט גרינס און מיט בלומען,
וואו באַבאָטשקעס 1) צאַפּלען אין נעצן פון שטראַלן,
וואו ס׳ציטערט די לופט פון דעם גרילצן און זשומען —
און איך בין פאַר׳כּשופ׳ט צו דר׳ערד צוגעפאַלן.

ס׳איז היים, ס׳איז שיין, ס׳איז גוט ! — אפילו
די האַלב דערוואָרגענע געפילן —
זיי ווילן אויך די זון דערלאַנגען
און צאַפּלען ווייכע, גרינגע, שטילע
און שטעקן קעפּלאַך, ווי די שלאַנגען
זיך ציענדיק אַלץ העכער, העכער,
מיט האַלבן גוף פון שוואַרצע לעכער.
דאָס האָט אויף מיר אַ קוק געטון
גאָט׳ס מילדע זון.

ס'איז היים, ס'איז גוט! גאָט'ס וועלטל גלאַנצט,
אין טיפן גראָז, דאָרט שמוצערט, טאַנצט;
דער סטעפּ, מיט בלימעלאַך געצירט,
וואָס גאָט אַליין האָט זיי געפלאַנצט,
פאַרשפּרייט זיך ווייט און גייט אַוועק
גאָר אָן אָן אָנהויב, אָן אָן עק.
און איינזאַם דאָ צעווישן גראָז —
שפּיר איך אין מיר אַ גאַנצע וועלט —
דאָס האָט געטאָן אויף מיר אַ בלאָז
מיט פרייען פעלד.

ס'איז שאַ, ס'איז שטיל... אָט דאָ געשווינט
איז דורכגעפלויגן, ווי אַ פייל,
אַזוינס, וואָס האָט געשמעקט מיט קינד
און ליגט שוין ווייט פאַר טויזנט מייל.
דאָס האָט געטאָן אַ גלאַנץ, אַ בליץ
און גלייך אין אויג דערלאַנגט אַ שפּריץ
מיט טראָפּנס טוי פון זיסן גליק,
פון יונגן גליק, וואָס ווערט נישט אַלט, —
דאָס האָט אויף מיר געטאָן אַ בליק
דער גרינער וואַלד.

1) שמעטערלינגען.

(מערקט דעם געבוי און דעם פלאַ, פון דער פּאָעמע: צוערשט קומט אַ מין פּראָלאָג, איבערגעבנדיק דעם גאַנצן כישוף־עפעקט פון דעם שיין און קלאַנג פון דער היים־זומערדיקער לאַנדשאַפט; אין צווייטן סטראָף האָבן מיר דעם פּאָעט'ס פאַרבאָרגענע געפילן, וועלכע די מילדע זון כישופט אַרויס אין דרויסן; אין דריטן — די באַגראָזטע, באַבלומטע ברייט פון דער סטעפּ: אין לעצטן — אַ פּאָר פון וואַלד און קינדהייט. מערקט אויך די אידישלאַכע גאַטספּאַרכטיקייט אין די שלום־עפעקטן פון די צוויי מיטלסטע סטראָפן. באַמערקט, שליסלאַך, די אָריגינעלע בילדלאַכקייט פון געפילן, וואָס שטעקן צאַפּלנדיק אַרויס זייערע קעפּלאַך אַזוי ווי שלאַנגען און דאָס דעליקאַטע שפּירן וואָס ווערט אויסגעדריקט אין:

„—...אַ גלאַנץ, אַ בליץ
און גלייך אין אויג דערלאַנגט אַ שפּריץ
מיט טראָפּנס טוי פון זיסן גליק").

כ׳וואָלט געוועז אַ בעלן וויסן...

כ׳וואָלט געוועז אַ בעלן וויסן,
ווי וועט זיין מיין טויט?
וועט מיר מיין נשמה אויסגיין
מיט אַ שוואַרצן קרעכץ?
אָדער וועל איך זי אויסשפייען
מיט דער ביטערער גאַל?
אפשר וועט זי זיך אויסגיסן
אין אַ פּערל-טרער
און וועט ציטערן, שימרירן
דורות לאַנג נאָך מיר.
ערגעץ אין אַ פרעמדנ׳ס הארצן
אין אַ פרעמדער קרוין?
אפשר איז באַשערט איר אויסגיין
ווי אַ שמעטערלינג,
טאַנצנדיק און צאַפּלענדיק
אַרום אַ חלב-ליכט?
אָדער, וועט זי, מיין נשמה,
ווי דאָס ליכט אַליין,
צאַנקען, טוקן זיך און שווינדלען
פאַר די אויגן לאַנג
און פאַרפאַלן ווערן פלוצלונג
אין אַ שוואַרצן תהום,
וואו אַרום איר וועט זיין אייביק
שוואַרץ און טויט און שטום?...
אָדער ס׳איז באַשערט מיר שטאַרבן
לעבעדיקערהייט
אין פאַפּירענע תכריכים,
אין אַ ביכער שראַנק,
וואו די מייז, די גרויע, 1) וועלן
גריבלען זיך אין מיר

און צעשלעפּן מיינע ווייסע
ביינער איינציקוויים, —
און אַ לעבעדיקער וועל איך
אויף מיין קבר שטיין
און אַ קדיש־יתום זאָגן,
איך נאָך מיר אַליין...
אָדער גאָר: מיין טויט וועט קומען
אין אַ פּראָסט געשטאַלט:
אין אַ ווינטער־נאַכט אַ בייזע,
ערגעץ ביי אַ פּלויט,
וועל איך, הונגעריק, פאַרפרירן,
אויסגיין ווי אַ הונט
און דער שניי וועט מיך פאַרשיטן, —
און מיין לעצטן קריץ
מיט מיין קללה וועט צעבלאָזן
ווייט דער בייזער ווינט...

1) מען מעג דאָס אָננעמען פאַר אַ „קיבעץ“ „די הערן קריטיקער“.

(א מוסטערהאַפט ליריש ליד פון אומעט און בייגקשאַפט. באַמערקט, ווי איינפאַך־היימיש דער אידיש איז, ניט געקוקט אויף דער רייכקייט פון די בילדער.)

גלוסט זיך מיר ווייגען...

גלוסט זיך מיר ווייגען געשמאַקער פון האַרצן,
ציט מיך ווי כמאַרעס, צום ים, צו דעם שוואַרצן, 1)
טיפער צו אייך מיינע עלנדע ברידער.
כ׳וויים אויך: אַ טרער פון מיין אייגענער מאַמען
בויערט דעם תהום דאָרט אין אייערע ים׳ען,
ביינקט אפשר שטילערהייט נאָך מיינע לידער.

כ׳ווים: איר האָט טרערן נאָך ניט אויסגעוויינטע,
צרות דערציילטע און נאָך מער געמיינטע,
וואָס, ווי פאַרשטיקטע, פאַרבאָרגענע קוואַלן,
לעכערן שטיינער און רייסן־איין קברים,
שליינגלען זיך, בלאָנדזשען אין דר׳ערד, ווי אַ וואָרים —
און ווערן אין דר׳ערד דאָרט פאַרפאַלן.

*

דורכשלאָגן זאָלן זיך אייערע טרערן,
גרינגער זאָל ווערן און פרייער זאָל ווערן —
אפשר, ווער ווייסט, וועט נאָך גאָט אַמאָל געבן!
איבערגיין וועלן די פינצטערע צייטן,
אויך אונדז וועט אפשר געראָטן, ווי לייטן,
בעסערם און שענערם דערלעבן.

*

און פאַר אַ זכר פון היינטיקע כמאַרעס
וועט אויך פאַרבלייבן אַ נייער „על נהרות“, 2)
וואָס ער וועט הימל און ערד איבערקערן.
גליקלאַך איז דער און געבענטשט זאָל דער ווערן,
וואָס וועט פאַראייביקן אייערע טרערן
הייליקע, צוויי טויזנט־יאָריקע טרערן.

---

1) ביאַליק האט אַ לעבן־לאַנג אָפּגעלעבט אין אָדעס, ביים „שווארצן ים“. 2) „על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו“ — ביי די טייכן פון בבל זיינען מיר געזעסן און געוויינט — אַ תהלים־געזאַנג, צוגעשריבן צום ערשטן חורבן.

(אַ ביישפּיל פון ביאַליק׳ס נאַציאָנאַליזם און ליבע צו דער אידישער מאַסע.)

דאָס לעצטע וואָרט

(נביאיש)

איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט.
ער האָט געזען: איר ווערט דערשטיקט;
ער האָט געזען: איר פוילט און פאַלט,
איר ווערט פון טאָג צו טאָג מער אַלט
און אָפּגעלאָזט האָט זיך די האַנט
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט —
און גאָט האָט זיך אָן אייך דערמאַנט
און ער האָט מיך צו אייך געבראַכט. 1)

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו שווער דער יאָך — איך קען ניט מער!...
גיי ריים פון זייער האַרץ אָן „אוי!“
שים אוים פון זייער אויג אַ טרער!
און שווער זאָל זיין די טרער און ביטער
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אַזוי — די ערד זאָל טאָן אַ ציטער 2)
און אָפּטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס“. 2)
איך האָב געפּאָלגט און בין געגאַנגען,
מיין וועג איז פול געוועזן מיט שטיינער;
נאָר איין געפיל און איין פאַרלאַנגען
האָט טיף געגליט אין מיינע ביינער:
איך האָב געפילט, איר זענט ביי שלאַנגען...
און מיט אייך, ביי אייך — קיינער, קיינער... 3)
מיך האָט געטריבן אייער ווייטיק,
איך האָב געמיינט: מיין הילף איז נייטיק.
איך בין געשטראָפט פון גאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קריינקט פאַר יענעם, 4)
וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדן שמאַרץ 4)

און ווערט פאַרברענט פון יעדנס גיהנום... 4)
איך האָב געהערט: עס איז אייך שווער;
איך האָב געמיינט: איר פילט און ווייסט
און וואַרגט זיך שטיל מיט אייער טרער
און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט, —
און טייער זענען די מינוטן...
„איך גיי, איך קום, — כ׳וועל היילן וואונדן,
מיט אייך אינאיינעם וועל איך בלוטן
און וואו מען דאַרף, וועל איך פאַרבינדן
און וואו מען מוז, וועל איך אָפּלעקן
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אייער וואונד.
כ׳וועל טרייסטן, בעטן, וויינען, וועקן —
און וועל ניט לאָזן גיין צו גרונט!
איך גיי, איך קום — איך טראָג אַ טרייסט,
איך טראָג אַ בשורה פון נחמה;
איך בין געבענטשט פון גאָט מיט גייסט —
אייך וועל איך שיינקען מיין נשמה...
איך בין פון גאָט מיט מוט באַשמיט,
וואָס רייסט אוים בערג און ווערט נישט מיד,
וואָס לאָזט מיין רוקן זיך נישט בויגן
און קוקט דעם בייז גלייך אין די אויגן;
און גאָט האָט מיר געשיינקט אַ צונג,
אַ שאַרפע ווי אַ שאַרפער קלונג, — 5)
אויב איר זענט שטיין — איז זי אַן אייזן, 6)
אויב איר זענט אייזן — איז זי שטאָל... 6)
איך קום, איך וועל זיך נאָר באַווייזן —
און איר וועט אויפשטיין מיט אַמאָל!...“
איצט שטיי איך אונטער אייער טיר —
און אָפּגענומען איז מיין לשון;
עס היינגט אַ שווערע נאַכט אויף מיר —
מיין פונק, מיין ליכט איז אויסגעלאָשן.
מיך האָט באַגעגנט שפּאָט און שאַנד,
איר האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט —

און אָפּגעשטויסן איז גאָט'ס האַנט
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט... 7)
און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„דאָס לעצטע מאָל שריי אויס אַן „אוי!"
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטן מאָל,
אַז ציטערן זאָל באַרג און טאָל
און נעם זיך אָן מיט גאַל און זאָג:
הערט, טויבע, הערט!
עס גייט אַ טאָג,
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט 8)
און וועל די וועלט מיט ליכט באַגיסן —
נאָר איר אַליין וועט בלייבן קנעכט
און וועט קיין טראָפּן ליכט געניסן...
און בלינדערהייט, מיט זין און טעכטער,
וועט איר אַרומלויפן פאַר'סמ'ט
אַהין, אַהער, פאַר טויזנט מייל
און בעטן, חלש'ן אַ שטראַל...
נאָר אייך באַגעגנט אַ געלעכטער:
וואוהין איר קומט, האָט איר פאַרזאַמט... 9)

— — — — — — — — —

און שווער וועט אייך דאָס לעבן ווערן —
אַ לאַנגע נאַכט און ניט איין שטערן... 10)
און אייער קרעכץ פאַרטראָגט דער ווינט
און אייער קול וויל גאָט ניט הערן...
און אייער קול וועל גאָט ניט הערן...
און שרעקלאַך גרוים וועט זיין די נויט,
ווי גרוים און שרעקלאַך ס'איז די זינד;
און איר וועט חלש'ן דעם טויט
און בייגקען וועט איר נאָכ'ן לעבן...
נאָר גאָט וועט אייך ביידע ניט געבן...
און שרעקלאַך ווי וועט זיין דער שמאַרץ...
אפילו אייער אייגן האַרץ
וועט אייער אייגן מויל ניט גלויבן...

איר וועט זיך פּרווון הויבן, הויבן —
אָן אָטעם טאָן — און וועט ניט קענען.
דאָס איז אַ קבר, נאָר באַגראָבן
זענט איר דאָרט לעבעדיקערהייט...
דאָס איז אַ פייערדיקער גיהנום,
וואָס וועט קיין ענדע קיינמאָל האָבן —
נאָר ס'איז אַ גיהנום אָן אַ טויט...
און גאָט זאָגט מיר:
איצט גיי אַראָפּ
צום טעפּער'ס הויז און קויף אַ טאָפּ 11)
און טו אַ וואָרף און זאָג דערביי
שטאַרק הויך, אַז יעדערער זאָל הערן:
„אַזוי וועט איר צעבראָכן ווערן!"
און רייד ניט מער, ניט וויין, ניט שריי,
בויג־אָן דעם קאָפּ און ווער פאַרשטומט — —
עס גייט דער טאָג, ער קומט, ער קומט.... 11)

---

1) דאָס ביבלישע לאָזט זיך קענטיק שפּירן אין דער גאַנצער פּאָעמע, ווי אין ערשטן סטראָף: אין שטאַרקן קלאַנג פון די גראַמען, אין דער קלאַנג־איבער'חזרונג (אַליטעראַציע) פון אַזעל־כע אויסדרוקן ווי „פוילט און פאַלט" און אין גאַנצן שוואונג (קאַדאַנס) פון דער פאַרבינדונג פון די שורות איינס מיט דאָס צווייטע. 2) דער וואָס איז באַהאַוונט אין תנ"ך וועט אין אַזעלכעם לייכט דערקענען די ביבלישע בילדלאַכקייט. 3) אַנאַנדער ביבלישער עפעקט. 4) אַ באַקלאָגן זיך אין וועלכן עס שפּירט זיך אַ הויך פון ירמיהו. 6) אַ צוגלייכעניש איינפאַך אַריבערגעטראָגן פון תנ"ך. 6) אַ כאַראַקטעריסטישע ביבליש־תלמוד'ישע ווענדונג. 7) דאָ ווערן אויסגעלאָזט דריי סטראָפן. 8) אַ ביבליש־בילדלאַכע פּערזאָניפיצירונג פון אַן אַבסטראַקטן באַגריף, ענלאַך צו „דאָס שלעכטס וואָס די ערד וועט פון זיך אָפּטרייסלען". 9) דאָ ווערן אויסגעלאָזן נאָך צוויי סטראָפן. 10) ווידער אַ ביבלישע ווענדונג. 11) דער פינאַל פון'ם נביאיש'דיקן שטראָף־ליד איז גאָר באַזונדערס ביבליש: די

„דעמאנסטראַציע“ מיט׳ן צעבראָכענעם טאָפּ איז עכט ירמיהו׳דיק; דער אנקומענדיקער טאָג פון געריכט איז א לייט־מאָטיוו פון שרעק ביי פיל נביאים.

אברהם רייזען

אברהם רייזען, וועגן וועלכן ס'איז שווער צו זאגן, צי איז ער גרעסער אלס נאוועליסט, צי אלס פּאעט, איז געבארן געווארן אין קליינעם שטעטעלע קאידאנאוו, מינסקער גובערניע, אין 1875. ער האט זיך אבער פרי אוועקגע־לאזט אין דער גרויסער וועלט, דער עיקר אין די גרויסע אידישע צענטערס פון מזרח און מערב־אייראפּע און ער איז טאקע ביי אונדז דער ערשטער, אין וועמעס פּערזן עס פּארקלינגט דער וואנדער־מענטש, דער ערשטער, וואס זינגט און דערציילט פון קליינשטעטלדיקן אידישן אינטעליגענט, וואס שטיקט זיך אין עלנד און איינזאמקייט אין דער גרויסער שטאט. פון זיין יוגנט אן איז רייזען געוועזן א טיכטיקער בויער פון דער אידישער ליטע־ראטור, זאמלענדיק פאלקס־לידער און ארויסגעבנדיק אלמאנאכן און צייט־שריפטן אין אייראפּע (און אויך אין אמעריקע), וואו ער געפינט זיך זינט דעם אויסבראך פון דער וועלט־מלחמה, מיט־ארבעטנדיק אין „פאָרווערטס“, „טאג“, „פרייהייט“, א. ז. וו.

אין א זייער וויכטיקער הינזיכט איז רייזען דער אידישסטער פון אלע אונדזערע מאדערנע פּאעטן — ער איז ניט בארירט פון קיין שום דרויסנדיקן איינפלוס, ער האט זיך אליין אויסגעארבעט זיין שפּראך און סטיל און ביי קיינעם שפּירט זיך ניט אזוי דער הויך פון פאלקס־ליד און פאלקסטימלאכקייט ווי ביי אים. דאס אליין גיט רייזענ'ס דיכטונג א געזונטע פשוט'קייט, א ריח פון פרישקייט — אזוי ווי פון נייער, ניט־געטשעפּעטער ערד. ענלאך איז עס אויך מיט'ן אינהאלט פון זיין פּאָ־עזיע: ער זינגט הארציק־אינטים פון אידישן שטעטל, פון אידיש'ער ארימקייט, פון די אין גרויער אומבאוואוסטהייט פארגייענדיקע אידיש'ע פאלקס־קינדער; ער האט אויך לידער מיט א ווארימער נאטקע פאר דאס גייסטיקע און שיינע אין אידיש־טראדיציאנעלן לעבן. רייזען איז אבער אויך דער זינגער פון מאדערנעם, גרויס־שטאטישן מענטשן, פון זיין ביינקשאפט און אומרו, זיין פּראטעסט און קאמף פאר רעכט און פרייהייט.

די וויכטיקסטע אייגענארטיקייט פון רייזען׳ס ליריק ליגט, פון איין זייט, איז איר לעבנסלוסט און כמעט הפקר׳דיקער זארגלאזיקייט און, פון דער צווייטער זייט, אין איר איינגעבארענער חכמה, וואס מען רופט אינטואיציע און וועלכע, אמאל דריקט זי זיך אויס אין שטיל־ערנסטע באטראכטונגען וועגן אל־וועלט און לעבן און טויט, אויפ׳ן שטייגער פון א נאטור־פילאזאף און, ווידעראמאל, אין קלוג־וויציקע, פלוצימדיק־אומדערווארטעטע ווענדונגען און עפיגראמאטישע ענדונגען.

ביבליאגראפיע: י. פיכמאן, „די אידישע מוזע“; שרה רייזען, אין „פנקס“: ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

א.

פון שטעטל

ווי קום איך?

ווי קום איך צו זינגען? פון וואנען, מיין קינד!
ביי אונדז האט אין קוימען געברומט נאר דער ווינט;
די קינדער, זיי פלעגן נאר זינגען: האם! האם! 1)
און אפטמאל די מאמע — א קללה צום גראם.

ווי קום איך צו שיינהייט? פון וואנען, מיין קינד!
דער וועג צו די פעלדער — דורך גויים און הינט...
די גאס איז געווען אזוי ארים און וויסט,
ביי איטלאכער טיר נאר — א בערגעלע מיסט...

---

1) עסן! "כ׳בין הונגעריק!"

(פארגלייכט דאס ליד מיט „א געזינד זאלבעאכט“ אין דער אפטיילונג „נויט און פיין“. דיזעלבע איינגשאפט וואס שטיקט דארט קערפערלאך דאס איינצעלנע שטיבל, שטיקט דא גייסטיק דאס גאנצע שטעטל. די ערשטע צוויי פערזן אין צווייטן סטראף זיינען א מין זעלבסט־דערקלערונג: די טענער פון נאטור־פרייד פארקלינגען זעלטן אין רייזען׳ס פאעזיע.)

אונדזער טייכל

(פון דער פּאָעמע „מיין צוריקקער אַהיים")

טרויעריק בין איך פון בית מדרש
און באַטריבט אַרויסגעגאַנגען,
פול מיט ווייטוט, פול מיט זאָרגן,
פול מיט נאַרישע פאַרלאַנגען...
כ'האָב געלאָזן גיין זיך ווייטער,
גיין און גיין... איך זאָל פאַרגעסן
מיינע שווערע, גרויסע ליידן,
וועלכע דריקן מיך און פרעסן.
גייענדיק פאַרטיפט אין טרויער,
בין איך צו דעם טייך געקומען
און אַ טיפער, אַלטער קומער
האָט מיין זעלע דורכגענומען.
זיי געגריסט מיר, ליבעם טייכל,
אָ, ווי פלעג איך נאָך דיר בייינקען!
שטייענדיק ביי גרויסע ימים,
פלעג איך דאָרט אויך דיך געדיינקען.
רואיק, שטיל פליסט דיינע וואַסער,
ביי דיר קאָכן ניט קיין כוואַליעס,
דיינע שיפן — שטיקלאַך שמאַטעס
שווימען — צייכנס פון דעם דלות.
זומער-צייט אין דיינע וואַסער
וואָלט אַ תענוג ווער געפינען,
טריקנסטו דאַן אוים איינגאַנצן,
דיינע וואַסער ווערט אַנטרונען...
ווינטער-צייט ווערסטו פאַרפראָרן
און מיט מיסט פאַרדעקט, פאַרשאָטן...
דאָך האָב איך דיך ליב, מיין טייכל,
כ'וואָלט פון דיר ניט אָפּגעטראָטן.

אמת, כ'האָב געזען שוין טייכן,
וואו די כוואַליעס וואַרפן, ברומען,
וואו דאָס וואַסער — שטאַרק און מעכטיק,
דאָך בין איך צו דיר געקומען.
יאָ, צו דיר האָט מיך געצויגן,
דאָרט בין איך געווען אַ פרעמדער —
איך געדיינק, ווי ביי דיין וואַסער
פלעגט מיין מוטער וואַשן העמדער...
און דערמאָן איך אין מיין מוטער
ווערן ד'אויגן פול מיט טרערן...
נעם זיי צו צו דיר, ליב טייכל,
וועסטו טרוקן קיינמאָל ווערן...

(באַמערקט, ווי אומדערוואַרטעט די ווענדונג צום סוף און ווי די האַלב־רואיקע שילדערונגען ווערן פאַרענדיקט מיט טיפן ווייטאָג.)

ב.

פון שול און קלויז

פרילינג

(שיר השירים)

פרילינג, פרילינג איז שוין היינט,
כ'הער די שטימע פון מיין פריינט,
ווי דורך בערג און טאָל ער ציט,
ווי אַ יונגער הירש ער פליט!
כ'הער זיין שטימע פון אַרום,
ווי ער רופט מיך: כלה, קום!
קום, דער ווינטער האָט געעקט
און די טירקל־טויב שוין וועקט;
קום אַרויס פון דיין געצעלט,
פול מיט דופטן איז די וועלט!...

(באַמערקט דעם זינגענדיק־פרייליכן ריטם, וואָס דרינגט דורך דעם פראַגמענט.)

דער תלמוד

כ'נעם דעם תלמוד אין דער האַנט
און ס'אַנטפּלעקט זיך נייעס לאַנד,
נייעס לאַנד און נייער ישוב
און עס שוועבט אויף אַלץ אַ כשוף...

ס'וויט, עס גייט אַנאַנדער לופט
און אַ בת-קול, 1) דאַכט זיך, רופט;
רופט צו די וואָס זיינען זוכה —
מיט געדאַנקען ריינע, הויכע.

און ביים מישן יעדעס בלאַט
עפּעס רוישט און פּליסטערט: 2) שאַט!
שאַט, רבותי, דאָ איז הייליק,
גרויסע האָבן דאָ אַ חלק...

גרויסע גייסטער, ניט ווי מיר,
קענען קומען אין דער טיר,
וואו אָן אָנהויב און אָן ענדן
וויען בת-קול'ס און לעגענדן...

---

1) אַ געטלאַד קול, אַ קול פון הימל. 2) שעפּצעט, שושקעט.

(דער דיכטער זוכט דאַ אַנצואווייזן אַ שטימונג פון הויכן דרך ארץ פאַר'ן תלמוד און דאָס געלינגט אים זייער גוט.)

מאי קא־משמע־לן 1)

א.

מאַי־קא משמע־לן דער רעגן?
וואָס־זשע לאָזט ער מיר צו הערן? —
זיינע טראָפּנס אויף די שויבן
קויקלען זיך, ווי טריבע טרערן.
און די שטיוול איז צעריסן
און עס ווערט אין גאַס אַ בלאָטע:
באַלד וועט אויך דער ווינטער קומען —
כ'האָב קיין וואַרימע קאַפּאָטע...
— — — — — — —

ב.

מאי־קאָ משמע־לן דאָס ליכטל?
וואָס־זשע לאָזט עס מיר צו הערן?
ס'קאַפּעט און עס טריפט איר חלב
און ס'וועט באַלד פון איר נישט ווערן.
אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלייזל,
ווי אַ ליכטל, שוואַך און טונקל,
ביז איך וועל אַזוי מיר אויסגיין
אין דער שטיל, אין מזרח־ווינקל...
— — — — — —

ג.

מאי־קאָ משמע־לן דער זייגער?
וואָס־זשע לאָזט ער מיר צו הערן?
מיט זיין געלבן ציפער־בלעטל,
מיט זיין קלינגען, מיט זיין שווערן?
ס'איז אַן אַנגעשטעלטע כלי,
ס'האָט קיין לעבן, קיין געפילן,
קומט די שעה, דאָ מוז ער שלאָגן,
אָן זיין רצון, אָן זיין ווילן...

ד.

מאַי־קאָ משמע־לן מיין לעבן?
וואָס־זשע לאָזט עס מיר צו הערן?
פוילן, וועלקן אין דער יוגנט,
פאַר דער צייט פאַרעלטערט ווערן;
עסן „טעג“ און שלינגען טרערן,
שלאָפן אויפ׳ן פויסט דעם האַרטן,
טויטן דאָ דעם עולם הזה
און אויף עולם הבא וואַרטן...

---

1) איינס פון רייזענ׳ס באַרימטעסטע לידער, וואָס איז אויך ווייט און ברייט אַריין צווישן דעם פאָלק׳ס געזאַנגען. דאָס ליד איז אַ דראַמאַטישער מאָנאָלאָג, דער העלד פון וועלכן איז אַן אָרימער, איינזאַמער ישיבה־בחור, וואָס באַקלאָגט זיין עלנד לעבן אין אַן אָרימן בית מדרש׳ל. (אויף אַזוי פיל דאַרף דאָס ליד גרופירט ווערן אינאיינעם מיט ביאַליק׳ס „מתמיד“). אונדזער דיכטער שטעלט זיין העלד פאַר קלאָגנדיק מיט׳ן גמרא־ניגון און גיט אים אין מויל איינע פון די באַקאַנטסטע גמרא־ווענדונגען: „מאַי־קא משמע־לן?“ — וואָס לאָזט עס מיך צו הערן? וואָס באַטייט עס? וואָס קען איך דערפון אָפּלערנען? — דער סטודענט ווענט אין גייסט פון ליד — דאָס קוקן אויף פשוט׳ע זאכן און אָפּלערנען פון זיי אַ לעקציע בנוגע דעם מענטשנ׳ס לעבן — דערקענען אַ פאָרזעצונג פון דאָס מאָראַליזירן פון די אַלטע פאָלקס־דיכטער.

(צו די פיל מעלות פון גראַנדיעזן קלאַג־ליד, דאַרף מען אויך צורעכענען די אויסגעהאַלטנקייט פון דער שפּראַך. אין אַזעלכע אויסדרוקן ווי: „ס׳איז אַן אָנגעשטעלטע כלי“ און „אַן זיין רצון“ דערקענט מען דעם ליטווישן לערנער.)

ג.

ד י   ג ר ו י ס ע   ש ט אָ ט

פון שטאָט

נו, עס איז אַ מאָדנע, משוגענע וועלט:
איך גיי אין די גאַסן פון אומעט געקוועלט;
און מענטשן זיי גייען פאַמעלאַך און גיך —
וויפיל פון זיי זיינען אויך איינזאַם ווי איך? —
ווי גוט וואָלט געווען צו איינעם פון זיי
גלייך צוגיין, זיך טיילן די פרייד און דעם וויי;
שטיל צוגיין און דריקן אַ מענטשלאַכע האַנט — —
נו, איז עס אַ מאָדנע, משוגענע וועלט:
עס האָט אונדז נאָך קיינער דאָ ניט פאָרגעשטעלט. —
נו, בלאָנדזשעט אייך, מענטשן — איר זענט ניט באַקאַנט.

(כאַראַקטעריסטיש מיט רייזענ׳ס פּלוצימדיקייט — דער עיקר גלייך איז אנהויב).

עס גיבן אין לעבן...

עס גיבן אין לעבן
אָפט פינצטערע טעג;
דו שלעפסט זיך און בלאָנדזשעסט
און ווייסט ניט קיין וועג.

באַגעגענסט באַקענטע,
זיי הויבן די היט —
דיין צער אויסצורעדן
דאָך קענסטו זיי ניט;

עס ציען זיך גאַסן
און הייזער אָן שיעור —
און ווייסט ניט, וואו זאָלסטו
אויפמאַכן אַ טיר.

אַט שטעלסטו זיך נידער,
דו קלינגסט, דאַכט זיך אָן,
נאָר באַלד אָבער פרעגסטו:
וואָס ועסטו דאָ טאָן?...

און פילסט זיך ווי איבריק
און בלאָנדזשעסט אַרום,
אַ ווייטיק אַ טיפער
אין האַרצן נאָגט שטום.

דאַן לייקנסטו צאָרניק
אין לעבן, אין גליק;
דיר פליט דורך אין מח
אַ טייך און אַ בריק...

און לאָזסט זיך גיין גיכער —
עס טרייבט דיך דער שרעק:
עס שרעקט דיך דאָס לעבן,
עס שרעקט דיך זיין ברעג...

(דאָס ליד, וואָס איז איינס פון די פריסטע ביי רייזען׳ען, שעפּט זיין גרויסע קראַפט דערפון, וואָס אַ גרויסער שמערץ און שרעק — דעם מענטשנ׳ס איינזאַמקייט אין דער גרויסער שטאָט — ווערט דאָ איבערגעגעבן מיט די איינפאַכסטע ווערטער און ריטם, די ווערטער און דער ריטם פון אידישן פאָלקס־ליד. זעט נאָכאַמאָל דעם דריטן און דעם זעקסטן סטראָף.)

ד.

בייַנקשאַפט און אַנגסט

אַמאָליקע טעג

צעשטעלט זיך אין רייען, אַמאָליקע טעג,
פאַרשוואונדענע טעג פון מיין לעבן;
איך וועל אייך אַדורכגיין פון אָנהויב ביז ברעג
און יעדערן „שלום" אָפּגעבן.

איך וועל מיר פאַר יעדערן געבן אַ נויג
און שטרעקן מיט ליבשאַפט די האַנט אייך;
עס וועט זיך באַווייזן אַ טרער אין מיין אויג —
אָן אַלטע — זי איז דאָך באַקאַנט אייך.

צעשטעלט זיך אין רייען, פאַרגאַנגענע טעג!
פאַרגעסט, וואָס איך האָב אייך געשאָלטן;
עס איז נאָר געוועזן פאַר צרות אָן ברעג,
עס האָט מיר מיט אייך נישט געגאָלטן.

איר זענט אַזוי חושכ׳דיק פינצטער געווען
און שווער, ווי די ריזיקע בערגער;
געהאָפט האָב איך בעסערע טעג פאַר מיר זען,
אומזיסט אָבער — די זענען ערגער.

(דער זעקסטער פּאַסאַס פון׳ם ליד ליגט ווידער אין דער אָריגינעלער ווענדונג פון „צעשטעלט זיך אין רייען, אַמאָליקע טעג״ און איר ווייטערדיקע פאַרזעצונג.)

אומעטיק

אומעטיק, מיידל, צו לעבן אַליין, —
קענסט אפשר קומען צו מיר?
מיין צימער איז אָרים, מיין צימער איז קליין,
האָט אַ באַזונדערע טיר,
האָט אַ באַזונדערע טיר,
נאָר קיינער, אוי, קלאַפּט נישט אין איר.

אומעטיק, מיידל, אָך, אומעטיק, שווער
און ווי נאָר דער אָוונט ער קומט,
זיץ איך די אויגן צום טיר און איך הער —
דער ווינט אַזוי טרויעריק ברומט.

אברהם רייזען

דער ווינט אַזוי טרויעריק ברומט
און ס'דאַכט מיר, אַז אימיצער קומט.

אַליין

האָב איך קיין פריינט ניט צו וועמען צו גיין,
בלייב איך אין צימער און זיץ מיר אַליין.
הינטער די פענצטער דאָרט הער איך עס ברומט,
אינווייניק — רוט אַלץ און שווייגט אַלץ און שטומט...

איינגעצאָלט האָב איך שוין מיין בעל הבית,
ליג איך מיר רואיק מיט מיין פּאַפּיראָס;
ליג איך מיר רואיק און האַלט אים אין מויל
און די געדאַנקען זיי בלאָנדזשען זיך פויל...

בלאָנדזשען און בלאָנדזשען — ווער ווייס זיי וואוהין,
דאָרט אין די שטעגן פון נאַרישן זין...
בלאָנדזשעט אייך, ליבע, ווי אייך נאָר געפעלט —
סודות פאַרבלייבט איר פאַר מענטשן און וועלט...

(ווידער די כאַראַקטעריסטיש־אומדערוואַרטעטע ענדונג. פאַראַן אויך אַן אָפּקלאַנג פון רייזענ'ס כאַראַקטעריסטישער זאַרגלאָזיקייט. הערט זיך אויך איין צום פיינעם ריטם).

קרעלן

כ'זע אַ מיידל — טראָגט זי קרעלן,
הויבט זי אָן מיר שטאַרק געפעלן...
קרעלן האָט אויך זי געטראָגן
און עס הויבט דאָס האַרץ אָן קלאָגן.

ליבסטע, אַך, ווי וואָלט איך וועלן,
זען דיך איצט אין יענע קרעלן.
און עס רינען טרערן מיינע
גרויסע, ווי די קרעלן דיינע!...

עס דאַכט מיר...

עס דאַכט מיר, איך האָב וואָס פאַרלאָרן אין וועג,
איך ווייס דאָך ניט וואָס...
זאָל איך צוריקגיין? עס איז אַזוי ווייט —
עס איז אַ פאַרדראָס!

איך האָב וואָס פאַרלאָרן און ווייס דאָך ניט וואָס...
צי האָט עס אַ ווערט?
לאָז איך עס איבער — דער טאָג איז שוין קורץ
און גרוים נאָך די ערד...

עס פאַלן שוין שאָטנס פון בוימער און בערג —
מיין שאָטן איז לאַנג...
דאָס האַרץ איז ניט רואיק, עס שרייט: קער זיך אום,
דער שאָדן טוט באַנג!

דאָ בלייב איך גאָר שטיין מיר אין מיטן דעם וועג,
אין חושך געהילט...
איך האָב וואָס פאַרלאָרן, איך ווייס דאָך ניט וואָס —
איך האָב וואָס פאַרשפּילט...

(איינס פון די פיינסטע לידער ביי רייזענען. ס'איז קלאָר, די פיינע ווירקונג נעמט זיך פון'ם געמיש פון דער טיפער ליריק — די אומבאַשטימטע זאָרג און אומרו — מיט דער טונקעלער טראַכטעניש.)

אָוונט

כ׳בין געגאַנגען, געגאַנגען, ביז וואַנען
בין הינטערן שטאָט שוין געשטאַנען;
און שטיל איז געווען אַרום —
א בוים האָט געשאָקלט זיך פרום.

די זון איז אַרונטער, אַרונטער
אַהינטערן וואַלד, רויט ווי צונטער,
און טונקעלער, טונקעלער ווערט —
איך האָב מיך פאַרקלערט!

געטראַכט פון די ביסעלע יאָרן,
וואָס זענען זיך רוישיק צעפאָרן...
געבליבן צו פאָרן ניט פיל —
עס טונקלט... פאַרנאַכט... עס ווערט קיל!...

א פאָרל איז שטיל-שטיל אַריבער,
א מיידל א יונגם און איר ליבער...
דאָס מיידל אַזוי ווי באַקאַנט — —
איך האָב מיך דערמאָנט!

יאיז וועלכער הינזיכט איז דאס ליד א מין דערגענצונג אדער צווייטע העלפט פון פאריקן? וואו ליגט די ענלאכקייט? וועלכע זייט פון יענעם ליד ווערט דא שמארקער באטאנט?)

מיינע טעג

ביטער איז געווען מיין נעכטן
און דער היינט איז אויך פול זאָרגן —
און דער היינט און נעכטן — ביידע
שאַפן, וועבן מיר מיין מאָרגן.

אָ, אזעלכע צוויי שלימזלם
קענען רעכטם דען עפעם מאַכן ? —
ס'וועט אַרויסקומען אַ מאָרגן
נאָר צום חוזק, נאָר צום לאַכן...

(אַ כאַראַקטעריסטישער רייזענישער עפּיגראַם.)

איך קוק אויף די בערג אויף די הויכע

איך קוק אויף די בערג אויף די הויכע,
וואָם שטייען, ווי העלדן אַליין ;
אַ וויימוט נעמט דורך מיין נשמה :
ווי בין איך אַקעגן זיי קליין !

אַ וויימוט נעמט דורך מיין נשמה —
עס לויפט דאָך אַ וואָך נאָך אַ וואָך :
ווי קליין גאָר וועט זיין יענעם בערגל,
וואָס וועט מיך פאַרדעקן דערנאָך !...

(אויך דא שפּירט זיך עפּעס פון דער פאָלקס-דיכטערישער מאַראַליזאַציע.)

ה.

נויט און פּיין

אַ גיכער, משיח

אָ, גיכער, משיח, אַ גיכער שוין, קום !
עס רינגלט די גאַנצע וועלט שוין אַרום,
ווי גיפטיגע שלאַנגען, דער הונגער און נויט
און הפקר 1) און פחד און אַנגסטן און טויט.
עס וויל שוין ניט אַלעמען שפּייזן די ערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפ'ן ווייסינקן פערד.

*

אָ, קום שוין משיח! עס דריקט אומעטום
די קייטן פון קנעכטשאַפט אַרום און אַרום:
עס האָט שוין קיין אָרט דאָס אומשולדיקע בלוט,
וואָס שפּריצט און וואָס גיסט זיך פון אונטער דער רוט.
עס ראָסטעט פון מענטשלאַכע בלוט שוין דער שווערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפ'ן ווייסינקן פערד!...

---

1) ניט־געצאַמטע טיראַניי; Arbitrariness.

א געזינד זאַלבע אַכט

אַ געזינד זאַלבע אַכט
און בעטן נאָר צוויי, —
און קומט אָן די נאַכט,
וואו שלאָפן דאַן זיי?

דריי מיט'ן טאַטן
און דריי מיט דער מאַמען —
הענטלאַך און פיסלאַך
געפלאָכטן צוזאַמען.

און קומט אָן די נאַכט,
מ'דאַרף מאַכן די בעטן,
דאַן הויבט אָן די מוטער
דעם טויט אויף זיך בעטן.

זי מיינט מיט אַן אמת, —
עס איז נישט קיין וואונדער:
אויך איינג איז אין קבר,
דאָך ליגט מען באַזונדער...

(ניטאָ קיין סך לידער, וואו די אויסגאַנגלאַזיקייט פון דער אָרימקייט זאל געמאָלן ווערן אַזוי קורץ און שאַרף און מיט אַזאַ אָריגינעל־היימישער בילדלאַכקייט.)

די אָרימע כלה

עס שלאָפן אין קליינינקן שטיבעלע אַלע,
עס וואַכט נאָר די עלטערע טאָכטער — די כלה.
די חתונה דאַרף ביי איר זיין גאָר אין גיכן
און האָט נאָך נישט פאַרטיק געמאַכט אירע ציכן.
עס לויפט דורכ'ן לייוונט די נאָדל געשווינט,
געדאַנקען זיי יאָגן אין קאָפּ, ווי א ווינט:

ווי שווער איז דאָס בעטגעוואַנט מיר אָנגעקומען!
עס האָט מיר מיין רו און מיין שלאָף צוגענומען;
די פעדערן גאַנצענע נעכט פלעג איך פליקן —
ווער ווייסט נאָך דעם מזל, ווער ווייסט נאָך די גליקן?
געשאַפט יעדעס קישן מיט שוויים און מיט בלוט —
וועל איך אויף זיי קאָנען כאָטש ליגן בארוט?

אָ, ווער איז מיין זיווג? צי קען איך אים גלויבן?
צי וועט ער דעם שלאָף ביי דער נאַכט מיר ניט רויבן?
וועל איך ניט די קישן מיט טרערן באַנעצן
און אפשר אַמאָל גאָר אויף ברויט זיי פאַרזעצן? —
פאַרזעצן, ווי ס'טרעפט אָפט ביי אונדזערע לייט,
ווי ס'טרעפט מיט מיין מאַמען אין ביטערער צייט?!

(די פאָלקסטימלאכקייט פון ליד איז אויבן־אויף.)

אויף אַ קבר

קיינעם וועט זיין טויט ניט רירן,
קיינער וועט זיין טויט ניט שפירן;
שטיל וועט מען אוועק אים פירן
אויפ'ן בית־הקברות פעלד.

שטיל וועט מען זיין אָרון טראָגן
און קיין שבחים וועט מען זאָגן;
קיינער וועט נישט וויינען, קלאָגן,
וואָס אַן אָרים-מענטשל פעלט:

קיין מצבה און קיין זכר,
אַז געוועזן איז אַ הויכער
און אַ דאַרער און אַ בלייכער
אָרים מענטשל אויף דער וועלט...

און ווי לאַנג האָט ער געליטן
און ווי לאַנג האָט ער געשטריטן;
אָ, ער האָט זיך דאָך געראַנגלט,
ווי דער גרעסטער העלד!...

(פּרואווט אנרופן מיט'ן נאמען דאס געפיל, וואס דאס ליד רופט ארויס. וועלכער סטראָף איז דא דער שטארקסטער?)

גרינע

אַ נייע לאַנד, אַ פרעמדע לאַנד —
ווער זיינען דאָרטן זיי? —
ווער ס'האָט אַ ווייב געלאָזט אַליין
מיט קליינע קינדער צוויי...
אַ גערטנדל, אַ שטיבעלע,
אַ טאַטן, ווייס ווי שניי...
און ס'האָט דאָס האַרץ ביי איטלאַכן
געדריקט אַנאַנדער ווײ...

די עלטער

ווי עס טוט דאָס האַרץ מיר וויי,
ווען איך זע דעם אַלטן אידן
און זיין טריב פאַרלאָשן בליק
און זיין פּנים בלאַס און מידן.

אָפּגעשטופּט דאָס וועלטל שווער,
ווי אַ פול־געפּאַקטן וואָגן;
נאָכגעגאַנגען און געשטופּט,
ווי די כּחות פלעגן טראָגן.

איצטער איז ער אַלט און שוואַך,
אוים אמונה, אוים בטחון,
און דער וואָגן סקריפּעט שווער
און די רעדער באַלד צעבראָכן...

(אויך דא ליגט די קראַפט אין פּלוצימדיקן אויסגעשריי אין אָנפאַנג, ווי אויך אין דער אָריגינעלער בילדלאַכקייט פון דאָס גאַנצע, דער עיקר פון צווייטן סטראָף.)

ו.

די וועלט־מלחמה

טראָמפּייטן שאַלן

העי, איך הער טראָמפּייטן שאַלן
פון דער ווייט;
און פון טויערן דאָס פאַלן —
וואָס באַטייט?
ווערט וואו־ווייט אַ פאָלק געבאָרן,
גייט וואו־ווייט אַ פאָלק פאַרלאָרן? — —
העי, ווער רייט?

קומט אַן אָנזאָגער פון לעבן
און באַפרייט פון נויט ?
וואָס זשע שרעקן זיינע אויגן
און זיין מאַנטל רויט !
ווי עס ברומט ! —
העי, ווער קומט ?

גייט וואָס ווערן אָדער ענדן,
קומט ער בויען צי פאַרלענדן ?
קומט ער טרייסטן, אָדער שטראָפן,
קומט ער וועקן, די וואָס שלאָפן
שוין אַ צייט ?

ווי עס ברומט !
העי, ווער קומט
פון דער ווייט ?...

(דאָס ליד גיט רייד און שטימונגספול איבער די אומבאַשטימטע קלאַנגען און דערוואַרטונגען אין מיטן און ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה וועגן פאַרלאָרענע און ניי־אויפגעריכטע מלוכות.)

זייט גרייט

עס הערט זיך אַ רופן : „זייט גרייט !“
עס קומט אויף דער וועלט עפּעס אָן :
עס פּלאָטערט אויף אונדזערע קעפּ
פון זעלטענע פאַרבן אַ פאָן.

עס קריכט ווער פון טונקעלע טרעפּ,
עס יאָגט פון דעם אָפּגרונט אַ ווינט
און טירן פון היילן און ווענט —
זיי עפ'נען זיך ברייט און געשווינט :

עס הערן זיך דומפּיקע טריט
און אימיצער רייסט זיך פון קייט;
עס צייכנט א האנט אויף דער וואנט,
עס הערט זיך א רופן: „זייט גרייט!“

(א רעוואלוציאנ־שטימונג, קענטיק אנגעוויזן פון די געשעענישן אין רוסלאנד, אין 1916־1917.)

זיינע וואונדער...

זיינע וואונדער זיינען גרויס,
אז די וועלט — זי האלט נאך אויס;
אז נאך איינער האט זיין קלייד
ניט צעריסן אין זיין לייד;
אז נאך איינער אויף דער גאס
טראגט ניט אויף זיין קאפּ קיין אש;
און אז נגוה 1) מיט איר גלאנץ
שטייט נאך פעסט אזוי און גאנץ;
אז די זון — זי הייגט נאך הויך
און ביינאכט — די שטערן אויך;
אז קיין בת־קול, ווי אמאל,
רופט נאך ניט פון בארג און טאל —
אז ער זעט דאס אלץ און שווייגט,
האט ער זעלבסט זיך איבערשטייגט...

נגוה (נינוועי) — די גרויסע שטאט, וואס גאט האט געשיקט יונה הנביא צו ווארענען זי, אז זי וועט אונטערגיין פאר אירע זינד.

(די ביטערע איראניע וואס ווערט דא אויסגעדריקט איז אנגעוויזן געווארן פון די נייעס וועגן די הריגות און רציחות בשעת און נאך דער מלחמה.)

ווי אַזוי ער זעט אויס...

איך האָב אין דער איינזאַמער נאַכט
פון ברודער פון ווייטן געטראַכט...
פון ברודער, פון וועלכן שוין לאַנג
עס ווערט ניט דערטראָגן קיין קלאַנג...

ווי גייט עס, ווי גייט עס אים דאָרט
אין יענעם פאַראומגליקטן אָרט,
וואו ער איז, אַ פרייער, פאַרשפאַרט
און וואַרט אויף דערלייזונג און וואַרט?

ווי זעט איצט דער ברודער דאָרט אויס?...
מיין ביינקשאַפט און נייגיר ווערט גרויס...
כ'מוז האָבן פון אים אַ געריס:
זיין איצטיקער אויסזען ווי איז?

פון די פיס אויסגעטאָן מיינע שיך,
מיט שמאַטעס פאַרבונדן זיי גיך...
צעפליקט אויך מיין ראָק און מיין העמד —
אַזוי גייט ער אום אין דער פרעמד.

מיט קרייד אויסגעשמירט מיין געזיכט —
אַזוי גייט ער אום ווי אַ ליכט.
און ריכטיקער זען נאָך זיין בילד —
מיין פינגער געקייט האָב איך ווילד.

און טיפער צו זען זיין געשטאַלט —
די פענצטער, געעפנט זיי באַלד;
איך האָב גלייך געציטערט פאַר קעלט —
אַזוי פרירט ער דאָרט אין דער וועלט...

און אז איך האב אלץ עס געטאן,
מיין הארץ האט א ציטער געטאן,
עס האט מיך נעשטיקט א געוויין —
אזוי וויינט ער דארטן אליין.

(א שרעקלאכער שפיגל פון די יסורים פון די אידן אין רוסלאנד, באלד נאך דער מלחמה, ווען זייער נויט איז געווען אז א גרעניץ און יעדע פארבינדונג צווישן זיי און די אידן פון אנדערע לענדער איז געווען אפגעשניטן).

א טרוים

ביי א רונדן טיש
זע איך מענטשן זיצן:
מעסער שארף און בלאנק
אין די הענט דארט בליצן.

באלד וועט מען די ערד
ברייננען און צעשניידן
מיט גערעכטיקייט —
קיינער זאל ניט ליידן.

ברייננט מען גלייך די ערד,
איינער מאכט הויך קידוש...
(ס'חלומ'ט מיר אזוי
ווייל איך פיל בלויז אידיש...)

שניידט מען זי אריין
מיט א שארפן מעסער:
איינעם — אויבענאן —
אן המוציא גרעסער.

איך — איך זיץ ביים ברעג,
מורמל מיר אַ ניגון...
זיץ מיט שטאָט און וואַרט
אויך אַ שטיקל קריגן.

וואַרט איך און ערוואַך —
ערשט עס איז אַ חלום...
זאָל צו גוטן זיין,
צו געזונט און שלום!

(א פיינע איראניע אויף דער וועלט־חלוקה נאָך דער מלחמה און די אידישע דערוואַרטונגען אויף איר.)

ז.

געדאנקען

דער מענטש

גייט אַריין אַן אָרימאַן
מיד און איינגעבויגן,
שטעלט זיך שטיל אַוועק ביין שוועל,
הויבט און וואַרפט די אויגן.

יעדעס מענטשלאַכעס געפיל
אין זיין אויג פאַרלאָשן
און ער שטרעקט אוים שטום די האַנט,
בעטלט שטום אַ גראָשן.

ס׳איז דער מענטש! די קרוין דער וועלט,
ס׳העכסטע פון די בריות! — 1)
זעט, ווי נידעריק ער איז,
ווי געמיין, ווי מיאוס!

קליינע ווערים דאָרט אין דר׳ערד
זיינען זעלבסט זיך שפייזער —

און דער מענטש, די קרוין, די קרוין,
בעטלט אין די הייזער!...

1) בריות (בריעס) — באַשעפענישן.

(נאָך איינס פון רייזענ׳ס פריסטע לידער, שטאַרק מיט זיין בילדלאַכקייט (דערהויפּט אין ערשטן פּערז) און נאָכמער מיט׳ן כמעט ביבלישן פּראָטעסט־געשריי, צום סוף.)

ביים ראַנד

און קוקסטו ווייט צום הימל׳ס ראַנד —
ער לאָזט אַראָפּ זיך, בויגט זיך איין;
דער זעלבער ברעג, אין יעדן לאַנד,
וואו דו זאָלסט ניט זיין...

און בוימער שטייען ווייט ביים ברעג —
ווי פון דער וועלט אַ גרינע וואַנט;
אַזוי אין יעדן ווייטן וועג,
אַזוי אין יעדן לאַנד...

אַ וואָלקנדל אויך, וואו דו ביסט —
זעט אויס, געמאָלט פון זעלבער האַנט;
ער שוועבט אַרום, דערמאָנט, באַגריסט —
אַזוי אין יעדן לאַנד...

(אַ גוט ביישפּיל פון רייזענ׳ס נאַטור־פילאָזאָפישע לידער. די זעלביקייט פון הימל, בוים און וואָלקן אויף דער גאַנצער ערד, ווייט אַן אויפ׳ן דיכטער עפּעס אַ מין בטחון פון איינס זיין מיט דער גאַרער וועלט און פון אומעטום זיין ביי איר אין דערהיים).

אַ וואָרט

א וואָרט רוט מיר אין הארצן —
ס׳איז ניי און פריי און פרום ;
איך קען אים ניט אויסריידן —
איך בין פאַר אים נאָך שטום.

א צווייטער וועט אים זאָגן
אין יאָרן לאַנג ארום — —
דאָס וואָרט איז אָבער מיינער,
געוועז בין איך נאָר שטום...

ל. יפה

ל. יפה — אנגעזעענער דיכטער און זשורנאליסט אין רוסלאנד. געבארן אין גראדנע, פוילן, אין 1875.

זע ז. רייזענ׳ס „לעקסיקאן" און מ. באסינ׳ס „אנטאלאגיע", צווייטער באנד.

הארבסט

ווי ליב האָב איך די קלאָרע טעג פון הארבסט,
ווען שפּינוועבס-פעדים שווימען אין דער לופטן
און אין די שטעטלדיקע גערטנדלאַך
די כריזאַנטעמען וועלקנדיק נאָך דופטן:

ווען פון די ביימער פאַלט און פלאַטערט גאָלד,
עס שמעקט אין סאָד מיט באַרן און מיט עפּל
און פרי פאַרטאָג אין מזרח פלאַקערט אויף
דאָס מאָרגן-רויט אין גרויען קאַלטן נעפּל;

ווען אויף די לאָנקעס שרייען ווילדע גענז;
ווען אין דעם בינשטאָק דרעמלען איין די בינען;
און דורך די שייבלאַך בליען אויף ביינאַכט
אין שטומען דאָרף די רויכערדיקע קינען;

וועןַ אויף דעם גרונט פון שטומער, קאַלטער נאַכט
איז בולט יעדער בוים מיט שוואַרצע קאַרבן
און דורך די צווייגן גלאָצט אַרויס אַ שרעק,
ווי פון די אויגן-לעכער פון אַ שאַרבן. —

(אַ זייער העלע שילדערונג פון מיטן האַרבסט אין פּוילן אָדער ווייס־רוסלאַנד. אַזעלכע דעטאַלן ווי די ווילדע גענז, וואָס שרייען פון די לאַנקעס און די רויכערנדיקע קינען, זיינען שטאַרק כאַראַקטעריסטיש.)

כסלו

די לופט איז ריין און קאַלט און שטאַרק.
דער פראָסט האָט אויסגעזופּט אין פּאַרק
די וואַסערן אויף אַלע וועגן
און מיט אַ קרייז אַ גלעזערנעם
באַזוימט פון סאַזשלקע 1) די ברעגן.

די ערד איז גוט שוין איינגעשמיט;
עס הילכן אויפ׳ן וועג די טריט.
און פריילאַך רופט זיך אָפּ אין האַרצן
די בשורה פון דער שוואַרצער קראָע:
באַלד, באַלד ווערט ווייס די ערד די גראָע.

כ׳האָב ליב די שייבעלאַך צו ברעכן,
וואָס אין די שפּאַלטן אויפ׳ן וועג
אין חורבה׳לאַך מיט זילבער-ברוך
לאָז איבער איך און גיי אַוועק.

עס גייט זיך עפּעס מאָדנע לייכט,
עס הילכן אויפ׳ן וועג די טריט;

און ווי דער כסלו׳דיקער פראָסט איז פריש און מונטער מיין געמיט.

1) סאָזשעלקע — Pool.

(די אָריגינעלע בילדער, ווי דער פראָסט וואָס ז ו פ ט א ו י ס ד י ו ו אַ ס ע ר ן ! און דער זילבער־ברוך פון די דינע פראָסט־הייטלאַך, העלפן פיל מיט איבערצוגעבן די פרייליכע קראַפטיקייט אי פרישקייט פון דעם יונגן וו־נריער.)

ה. ד. נאמבערג

די פארלאזטע כלה

(פאלקס־מאטיוו)

ברעטלאך קויף איך מיר פאר געלט,
שלאג איך זיי צוזאמען ;
בוי איך מיר א שיפעלע,
צו פארן איבער ימ'ען.

לאז איך מיך אין וועג אריין,
אין וועג אין ווייטן ;
שפרייט איך מיר א זעגל אויף,
א לאנגן און א ברייטן.

שפרייט איך מיר א זעגל אויף,
בלאזט אים אויף דער ווינט. —
ווינט, דו ווינט, מיין שיפל טראג
צו יענעם ברעג געשווינט.

אויפ'ן ברעג פון גרויסן ים
איז א שטאט פאראן,
גייט זיך דארט שפאצירנדיק
א בלאנדער יונגערמאן.

רעט און שמייכלט חנ'עוודיק,
לאכט און זינגט א ליד...
ווייס ער כאטש, אוי, פילט ער כאטש
מיין הארץ, מיין שווער געמיט ?

ב. שאַפּיר

ב. שאפיר † געבארן אין 1876 אין אַלט־קאנסטאנטין, קיעווער גובערניע. האט זיך געדרוקט אין רוסלאנד אין פיל אויסגאבן. זיין פאלקס מאטיוו „אופ׳ן בוידעם שלאפט דער דאך״, איז אזוי פאפולער (ווערנדיק אזוי אפט געזונגען), אז ניט איינער קען עס אמאל אננעמען פאר א פאלקס־ליד.

זע ז. רייזען, „לעקסיקאן״ ; מ. באסינ׳ס „אנטאלאגיע״, צווייטער באנד.

פאַר מיין פענצטער

פאַר מיין פענצטער שטייט אַ גאָרטן,
אין דעם גאָרטן שטייט אַ הויז :
אין דעם הויז דאָרט בליט אַ מיידל
און אין גאָרטן בליט אַ רויז.

קום איך מאָרגן פרי צום גאָרטן,
ווערט אַ פענצטער אויפגעמאַכט
און עס ווייזט זיך דאָרט דאָס מיידל,
ערשט נאָר וואָס פון שלאָף ערוואַכט.

און די רויז הויבט אָן צו שמעקן,
דריי איך אום מיין קאָפּ צו איר
און זי ווייזט מיר, אַז געעפנט
האָט זי שוין איר האַרץ פאַר מיר...

נאָר דאָס אַלעס איז פרימאָרגן,
אָבער ווען איך קום פאַרנאַכט,
מאַכט דאָס מיידל צו דאָס פענצטער
און די רויז איר האַרץ פאַרמאַכט...

אויפ׳ן בוידעם שלאָפט דער דאַך

(פאָלקס־מאָטיוו)

אויפ׳ן בוידעם שלאָפט דער דאַך,
צוגעדעקט מיט שינדעלאַך
און מיין קינד אין וויגל שלאָפט
נאַקעט, גאָר אָן ווינדעלאַך...
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי...

אויפ׳ן בוידעם הייגגט אַ וויג,
וויגט זיך דאָרט אַ שפין אין איר
נעמט ער מיין חיונה צו
און דעם דלות לאָזט ער מיר...
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי,
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי...

אויפ׳ן בוידעם זיצט אַ האָן,
איז זיין קאָם גאָר פייער־רויט.
ווען מיין ווייב וואָלט וועלן גיין
ערגעץ באָרגן אַ לאַבן ברויט...
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי...

פאולא ר.

פאולא ר. — געבארן אין 1877 אין ווארשוי. די פרוי פון באקאנטן פאלקלאריסט, שריפטשטעלער און כלל־טוער נח פרילוצקי. אחוץ מיט אירע לידער איז פאולא ר. אין ווארשוי אויך גוט באקאנט מיט אירע טעאטער־שטיקער.

זע ז. רייזען, „לעקסיקאן".

קום

(פאלקס־מאטיוו)

קום צו מיר אין חדרל!
וועסט ניט זשאלעווען, מיין קינד:
ריין וועסטו אריינקומען
און ארויסגיין אן זינד...

ליכטיק איז מיין חדרל,
בלימלאך וואקסן ביי דער טיר;
וועסט זיך זעצן אויף דער שוועל
און איך נאענט לעבן דיר...

אין א דעמבן קעסטעלע
ליגט ביי מיר א פידעלע, —
כ'וועל אויף איר, מיין טייבעלע,
שפילן דיר א לידעלע...

דו וועסט גלעטן מיינע האר,
קוקן אין די אויגן לאנג...
פריילאך וועט אונדז ביידן זיין.
קום! עס וועט דיר נישט טאן באנג...

(דאס ליד ווערט אפט געזונגען. איז אויך דא אויף'ן פאנאגראף.)

י. י. פראפּוס

יצחק יעקב פראפוס — געבארן אין 1880, אין מיטוי, קורלאנד, און איז, אלזא, איינער פון די ווייניק אידישע דיכטער וואס יענע גענגט האט ארויסגעגעבן. פראפוס האט זיך אפט געדרוקט אין י. ל. פרץ'ס פאר־שיידענע אויסגאבן.

זע מ. באסינ'ס „אנטאלאגיע", צווייטער באנד.

עמיץ איז ביי מיר געשטאָרבן

עמיץ איז ביי מיר געשטאָרבן, —
קומט זשע, ברידער, עס באַגראָבן.
יאָ, באַגראָבן — ווייל אויף אייביק
וועל איך שוין דאָס מער ניט האָבן...

לאָמיר אויסגראָבן אַ קבר,
אין אַן ארון אַריינלייגן
און עס אָנטאָן אין תכריכים,
לייגן שאַרבנס אויף די אויגן.

און פאַרשיטן און פאַרקלאַפּן
און אַ קדיש נאָך אים זאָגן
און אַ לעמפּעלע אָנצינדן, —
זיצן שבעה, וויינען, קלאָגן...

אויפ'ן קבר לאָמיר לייגן
בינט זכרונות פון פאַרצייטן
און באַקרוינען און באַקראַנצן
דאָרט מיט בלומען ביי די זייטן;

און אויך שטעלן אַ מצבה,
אויסגעהאַקט דעם נאָמען אויבן,
אַז באַגראָבן דאָ, באַהאַלטן
ליגט מיין אָפּגעלעבטער — —גלויבן.

שרה רייזען

שרה רייזען — שוועסטער פון אברהם רייזען, געבאָרן אין 1885, אין קאידאַנאָוו, מינסקער גובערניע, דיכטערן און נאָוועליסטן.

זע ז. רייזענ׳ס „לעקסיקאָן“ און מ. באַסינ׳ס אַנטאָלאָגיע, צווייטער באַנד.

דער ערשטער פרילינג־טאָג

ס׳האָט דער ערשטער פרילינג־טאָג
ליב באַגריסט מיך היינט
און האָט גלייך אַ פרעג געטאָן
וועגן דיר, מיין פריינט.

און געוואונדערט האָט ער זיך,
וואָס דו ביסט נישטאָ, —
און געפרעגט, ווען קומסטו פאָרט
און אין וועלכער שעה?

שווייג איך שטיל און רייד קיין וואָרט
און דער פרילינג וואָרט, —
ביז איך האָב אים אויסגעזאָגט,
אַז דו האָסט גענאַרט...

ווערט דער פרילינג טרויעריק,
קושט די ביימער קאַלט, —
און אַ גרויער נעבל קומט
און באַדעקט דעם וואַלד.

און אַ שוואַרצער וואָלקן קומט
דעקט דעם הימל צו...
אַ, מיין פריינט, דער פרילינג וויינט,
וואָס גענאַרט האָסטו.